**פרק ג א** (הלוקח בהמה מן העובד גלולים) אויב איינער האט גקויפט אבהמה פון אגעצענדיגער (ואין ידוע אם בכרה ואם לא בכרה) אונ מען וויים גיט אויב זיא האט שון אמאהל גיהאט אקינד. אדער גיין. זיא האט נאך גיט גיהאט קיין קינד. רבי ישמעאל זאגט (עז בת שנתה) אויב דער יוד האט גיקויפט בייא דעם געצענדיגער אקאזע וואס זיא איז נאך גיט אלט קיין יאהר. אונ זיא האט גיבארין ביי דעם יודין אקינד (ודאי לכהן) גיהער דאס קינד געוויס צום כהן. ווארום ער איז געוויס אבכור. אונ פאר דעם קינד האט דיא קאזע געוויס קיין אנדער קינד גיט גיבארין (מכאן ואילך ספק) אבער אז ער האט גיקויפט דיא קאזע בייא דעם געצענדיגער איז זיא גיוועזן עלטער וויא איאהר. אונ זיא האט גיבארין אקינד ביי דעם יודין. איז אספק צו דאס קינד איז אבכור. צו גיין. ווארום עס קען זיין זיא האט שון גיבארין אקינד ווען זיא איז נאך גיוועזן בייא דעם געצענדיגער. זאל דער יוד פיטערין דעם קינד ביז ער וועט בעקומען אפעלער. אונ וועט אים מעגין עסין (רחל בת שתים ודאי לכהן) אויב דער יוד האט גיקויפט ביי דעם געצענדיגער אשעפס וואס זיא איז נאך גיט אלט קיין צוויא יאהר. אונ זיא האט גיבארין בייא דעם יודין אקינד. גיהער דאס קינד געוויס צום כהן ווארום. ער איז געוויס אבכור אונ פאר דעם קינד האט די שעפס געוויס קיין אנדער קינד ניט גיבארין (מכאן ואילך ספק) אבער אז ער האט גיקויפט ז״א שעפס ביי דעם געצענדיגער איז זיא גיוועזן עלטער וויא צוויי יאהר. אונ זיא האט גיבארין קינד ביי דעם יודין. איז אספק צו דאס קינד איז אבכור צוא גיין. ווארום עס קען זיין זיא האט שון גיבארין אקינד ווען זיא איז נא, גיוועזן בייא דעם געצענדיגער (פרה והחמור בנות שלש ודאי לכהן) אויב דער יוד האט גיקויפט ביי דעם געצענדיגער אקוה אן ער אאייזיל וואס זייא זענען נאך ניט אלט קיין דריי יאהר. אונ זייא האבין גיבארין ביי דעם יודין אקינד. גיהער דאס קינד געוויס צום כהן. ווארום ער איז געוויס אבכור. אונ פר דעם קינד האבין זייא קיין אנדער קינד גיט גיבארין (מכאן ואילך ספק) אבער אז ער האט גיקויפט דיא קוה אדער דעם אייזיל ביי דעם געצענדיגער זענען זייא גיוועזן עלטער וויא דרייא יאהר. אונ זייא האבין גיבארין אקינד ביי דעם יודין. איז אספק צו דאס קינד איז אבכור צוא גיין. ווארום עס קען זיין זייא האבין שון גיבארין אקינד ווען זייא זענען נאך גיוועזן

שלו: טנוף. תבעבועות של דם שפולטת הבהמה. ומראים אותן לרועה חכם. ומכיר בהן אם הן מחמת הריון שהפילה. ושמא עובר בתוך שנתה דהוי ספק ולד ונפטרה מן הבכורה. הלכך אפי׳ עז בת שנתה ספק הוא: שליא. כמין כסוי על העובר שהעובר מונח בה: שפיר. למעלה מן השליא קרום שיש בו דם נקרש והוא קרוי שפיר. ורבותי פירשו חתיכה של בשר שיש בה צורת אדם. וי"א לפיכך נקראת שפיר. לפי שעשוים

אמר לו ר"ע אילו בולד בלבד בהמה נפטרת היה כדבריך. אלא אמרו סימן הולד בבהמה דקה טנוף. ובגסה שליא. ובאשה שפיר ושליא. זה הכלל כל שידוע שבכרה אין כאן לכהן כלום. וכל שלא בכרה הרי זה לכהן. אם ספק. יאכל במומו לבעלים.

---

ביי דעם געצענדיגער (אמר לו רבי עקיבא) האט רבי עקיבא ג׳ זאגט צוא רבי ישמעאל (אילו בולד בלבד בהמה נפטרת) ווען א בהמה וואלט אנדערש ניט ניפטרת איר קינד פון צו זיין אבכור. סיידין זיא האט פריער גיהאט איין אנדער קינד (היה כדבריך) וואלט טאקי גיוועז וויא דיינע רייד. ווי דוא זאגסט. אז אקאזע האט אקינד אין דעם ערשטין יאהר. אונ אז אשעפס האט אקינד אין דעם אנדערין יאהר. אונ אז אאייזיל אדער אקוה האבין אקינד אין דעם דריטען יאהר. איז דאס קינד געווים אבכור. ווייל פאר דעם קינד האבין זייא געווים ניט גיבארין קיין אנדער קינד (אלא אמרו סימן הולד בבהמה דקה טנוף) מען האט דאך אבער גיזאגט אז עס גייט ארוים פון שעפסין אונ פון קאזעם בלעזלאך בלוט פון איר מוטער לייב. איז אסימן אז זיא איז גיוועז מעוברת אונ האט מפיל גיוועז. קען דאך זיין אז דיא שעפס אדער דיא קאזע וואס דער יוד האט גיקויפט ביי דעם געצענדיגער. אמת זייא האבין ניט גיבארין קיין קינד ביי דעם געצענדיגער. טאמער ז׳ נען זייא שוין גיוועז פר בונדין מיט אקינד אונ עס איז שוין גיוועזן בלעזלאך בלוט. ווייל זייא האבין באלד נאך דעם פאר בינדונג מפיל גיוועזן. איז דאך שוין דאס קינד וואס איז גיבארין גיווארין בייא דעם יודין ניט קיין בכור. וויא אזוי זאגסטו אז ער איז געווים אבכור. עס איז דאך נאר אספק (ובגסה שליא) אונ אז אגרויסע בהמה ואקוה אדער אאייזילו איז מפיל אזוי וויא אבייטיל. איז אסימן אז אין דיא בייטיל איז גיוועזן אקינד. נאר ער איז צוא ריבען גיווארין. קען דאך זיין אז דיא קוה אדער דער אייזיל וואס דער יוד האט גיקויפט בייא דעם געצענדיגער. האבין זייא בייא דעם געצענדיגער מפיל גיוועזן אשליא. אונ דאס קינד וואס ווערט גיבארין בייא דעם יודין איז שוין ניט קיין בכור. וויא אזוי זאגסטו אז ער איז געווים אבכור. עס איז דאך נאר אספק (ובאשה שפיר ושליא) אונ אז עס גייט ארוים פון אאשה אזוי וויא ארער. אדער אזוי וויא אבייטיל. איז אויך אסימן אז איגעווייניג איז גיוועזן אקינד נאר ער איז צוא ריבען גיווארין (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שידוע שבכרה) אויב מען ווייס אז דיא בהמה האט שוין אמאהל גיהאט אקינד פאר דעם קינד (אין כאן לכהן כלום) גיהער ניט דאס קינד צום כהן. ווייל ער איז ניט קיין בכור (וכל שלא בכרה) אונ וואו מען ווייס אז די בהמה הט נאך ניט גיהאט קיין קינד. נאר דאס קינד איז דאס ערשטע (הרי זה לכהן) גיהער דאס קינד צום כהן. ווארום ער איז אבכור (אם ספק) אויב מען ווייס ניט צוא דיא בהמה האט שוין אמאהל גיהאט אקינד צוא ניין (יאכל במומו לבעלים) זאל דער בעל הבית ווארטין ביז דער ספק בכור וועט בעקומען אפעלער. וועט אים דער בעל הבית מעגין עסין. רבי אליעזר בן

דאבי' אומר בהמה גסה ששפעה חררת דם. הרי זו תקבר. ונפטרה מן הבכורה: ב רשב"ג אומר הלוקח בהמה מניקה מן הנכרי. אינו חושש שמא בנה של אחרת היה. נכנס לתוך עדרו וראה את המבכירות מניקות. ואת שאינן מבכירות מניקות. אינו חושש שמא בנה של זו בא לו אצל זו. או שמא בנה של זו בא לו אצל זו: ג ר' יוסי בן משולם אומר השוחט את הבכור. עושה מקום

כשפופרת: ששפעה חררת דם. שהפילה חתיכה דם: ה"ז תקבר. להודיע שנפטרה מן הבכורה שהרואה שקוברים אותה יודע שהבא אחריו אינו קדוש בבכורה והלכה כר"ע וכר"א נ"י: ב אין וששין שמא בנה של אחרת היה. שיהא הבא אחריו בכור ספק דנימא הך בהמה לא ילדה מעולם אלא שהאכילה זו את בן חברתה ולאו משום דלית לה חלב הא איכא מיעוטא דחולבות אע"פ שאינן יולדות הא ודאי לא אמרי' אלא בנה הוא ופטורה מן הבכורה: מבכירות. בחורות שלא ילדו עד עכשיו: אין חוששין שמא בנה של זו בא לו אצל זו. דליחוש לכולהו בספק בכורות אלא ודאי אותן הכרוכים אחר המבכירות הוו בכורות ודאין והכרוכין אחר שאין מבכירות הוו פשוטין ודאין והלכה כר' שב"ג: ג עושה מקום בקופיץ. גרסי' ובגמרא

---

יעקב זאגט (בהמה גסה ששפעה חררת דם) אגרויסע בהמה (אקוה) וואס האט נאך גיט גיהאט קיין קינדער. אונ עס איז פון איר ארויס גיפאלין אשטיקול בלוט (הרי זו תקבר) זאל מען דיא שטיקול בלוט בגראבין. טאמער איז דאס גיוועזן אקינד אונ עס איז צוא ריבען גיווארין. איז דאך דאס אבכור (ונפטרה מן הבכורה) אונ דאס קינד וואס ווערט גיבארין נאך דיא שטיקול בלוט איז ניט קיין בכור: ב רבן שמעון בן גמליאל זאגט (הלוקח בהמה מניקה מן העובד גלולים) אז איינער קויפט פון אגעצענדינער אקוה וואס אקאלב זייגט פון איר (אינו חושש שמא בנה של אחרת היה) האבין מיר ניט מורא טאמער איז דיא קאלב פון איין אנדער קוה. נאר דיא קוה גיט צוא זייגן אפרעמדע קאלב. אונ דיא קוה האט נאך קיין מאהל ניט גיהאט קיין קאלב. אונ עס טרעפט אז בהמות האבין מילך איידער זייא האבין אפילו דיא ערשטע קאלב. דארף זיין דאס ערשטע קינד וואס זיא וועט האבין ביא דעם ישראל אבכור. דאס זאגין מיר ניט. נאר מיר זאגין אז דיא קאלב איז פון די קוה. אונ דיא קאלב וואס ווערט גיבארין ביא דעם יודין איז ניט קיין בכור (נכנס לתוך עדרו וראה את המבכירות מניקות) איינער איז אריין גיגאנגען אין זיין סטאדע. אונ ער האט גיזעהן דיא יונגע שעפסין וואס האבין איצט דיא ערשטע קינדער זייגין קינדער (ואת שאינן מבכירות) אונ דיא שעפסין וואס זענען ניט יונגע וואס האבין שוין גיהאט קינדער. זייגין אויך קינדער (אינו חושש שמא בנה של זו בא לו אצל זו) האבין מיר ניט מורא טאמער דיא קינדער פון דיא מבכירות וואס זענען בכורים זענען גיקומען צוא דיא ניט מבכירות אונ זייגין פון זייא (או שמא בנה של זו בא לו אצל זו) אונ טאמער דיא קינדער פון דיא ניט מבכירות וואס זענען ניט בכורים זענען גיקומען צוא דיא מבכירות אונ זייגין פון זייא. זענען אלע קינדער אויסגעמישט דיא בכורים מיט ניט בכורים. אונ אויף יעדער קינד בזונדער איז אספק צוא ער איז אבכור צוא ניין. דאס זאגין מיר ניט. נאר מיר זאגין דיא וואס זייגין פון דיא מבכירות זענען זייערע קינדער אונ זענען געווים בכורים. אונ דיא וואס זייגין פון דיא ניט מבכורות זענען זייערע קינדער אונ זענען געווים ניט קיין בכורים: ג רבי יוסי בן משולם זאגט (השוחט את הבכור) אז איינער שעכט אבכור (עושה מקום בקופיץ מכאן ומכאן) מאכט ער אארט צום מעסר פון

מפרש תני לקופיץ כלומר לצורך מקומו של ועבודה דכתיב תזבח ואכלת בשר תזבח ולא קופיץ תולש שער של צואר. ואין כאן משום לא גיזה: לא בזה התיר עקביא. כלומר לא בזה תגוז בכור לאהך דתלישה ביד לאו גיזה היא עקביא מתיר וחכמים אוסרים. דבשחטו ד״ה אבל בכלי ודאי אסור: וכן מותר לתלוש את שרי. דמגו דמהניא שחיטה צמר שהמחובר

השער. ואפי׳ לכתחלה להראות בו לחכם מקום המום והלכה כר׳ יוסי בן משולם: ד עקביא בן מהללאל מתיר. שאמר בהלכה לכהן: וחכמים אוסרים. דאי שריא ליה צמר שהנושרת מחיים אתי לאשהויי לבכור כדי שתתיר לאכול כל שעה ואתי בה לידי תקלה שיגזוז ויעבוד בו ופסולי המוקדשין אסירי בגיזה

בו להתירו לאחר שחיטה מהניא נמי לתלוש ומונח בחלון ולא נחלקו אלא במת דאותו צמר שהמחובר בו טעון קבורה. עקביא מתיר צמר שנשר ממנו שכות בחיים. וחכמים אוסרים גזירה שמא ישהנו כדי ליהנות בצמר שנופל ממנו כל שעה ואתי למיעבד ביה גיזה ועבודה

בקופיץ מכאן ומכאן. ותולש השער. ובלבד שלא יזיזנו ממקומו. וכן התולש את השער לראות מקום המום:

ד שער בכור בעל מום שנשר והניחו בחלון ואח״כ שחטו. עקביא בן מהללאל מתיר. וחכמים אוסרין. דברי רבי יהודה. א״ר יוסי לא בזה התיר עקביא. אלא בשער בכור בעל מום שנשר (והניחו) בחלון ואח״כ מת. בזה עקביא בן מהללאל מתיר וחכמים

---

דער זייט און פון דער זייט. דאס מיינט מען דיא וואל וואס אויף דעם האלדז. פאר ביינט ער אין דיא זייט אביסול. און אין דיא זייט אביסול. ער זאל מאכין אארט דער חלף זאל דורך גיין צום שעכטין. און אויב מען קען ניט פאר בייגין (ותולש השער) זאל ער אויס רייסין דיא האר אדער דיא וואל (ובלבד שלא יזיזנו ממקומו) נאר ער זאל ניט צוא גנעמען דיא וואל פון ארט. דיא וואל וואס ער האט אפ גערוסין זאל בלייבין פאר טשעפעט אויף דיא וואל וואס איז בהעפט צום שעפס (וכן התולש את השער לראות מקום המום) און אזוי איז דער דין אז מען מעג אויס רייסין דיא האר אדער דיא וואל פון דעם בכור. אויף דעם ארט ווא דער פעלער איז. מען זאל זעהן אוב דס איז אאייביגער פעלער: ד (שער בכור בעל מום שנשר והניחו בחלון ואחר כך שחטו) אויב עס איז אראפ גיפאלין האר אדער וואל פון אבכור וואס האט אפעלער. און מען האט דיא האר אדער דיא וואל גילייגט אויף אפענסטער. דער נאך האט מען גישאכטין דעם בכור (עקביא בן מהללאל מתיר) עקביא בן מהללאל זאגט דער כהן מעג הנאה האבין פון דיא וואל (וחכמים אוסרין) און דיא חכמים זאגין מען טאר ניט הנאה האבין פון דיא וואל (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי גיזאגט (לא בזה התיר עקביא) ניט ביא דעם דין האט עקביא מתיר גיוועזן און דיא חכמים אסרין. נאר ביא דעם דין אז מען האט דעם בכור גישאכטין. האלטין דיא חכמים אויך אז דיא וואל איז מותר (אלא) נאר ווא דען קריגען זייא (בשער בכור בעל מום שנשר והניחו בחלון ואחר כך מת) אויב עס איז אראפ גיפאלין האר אדער וואל פון אבכור וואס האט אפעלער. און מען האט דיא האר אדער דיא וואל גילייגט אויף אפענסטער. דער נאך איז דער בכור גיפייגערט (בזה עקביא בן מהללאל מתיר וחכמים אוסרין) אין דער זאך קריגען עקביא בן מהללאל מיט דיא חכמים. עקביא בן מהללאל זאגט דער כהן מעג הנאה האבין פון דיא וואל. און דיא חכמים זאגין מען טאר ניט הנאה האבין פון דיא וואל (הצמר המדובלל בבכור) אויב ער איז אפגעריסען גיווארין וואל פון אבכור. און דיא אפגעריסענע וואל איז ניט אראפ

אוסרין. הצמר המדובלל בבכור. את שהוא נראה מן הגזה מותר. ואת שאינו נראה מן הגזה אסור:

פרק ד **עד** כמה ישראל חייבים להיטפל בבכור. בבהמה דקה עד שלשים יום. ובגסה חמשים יום. ר' יוסי אומר בדקה שלשה חדשים. א"ל הכהן בתוך זמן זה. תנהו לי. ה"ז לא יתנו לו. אם היה

ופסק הלכה דאפילו לאחר שחיטה נמי שהשער ממנו בחיים אסור: צמר המדובלל. שלא נתלש לגמרי אבל מחובר הוא עם הצמר ואינו נופל: את שנראה עם הגזה. כשיתחבט ונוזו לאחר שחיטה ויהא הצמר המדובלל נבלל עם שאר כג זה ואינו נראה כמופרש ממנו נותר כשאר הגיזה: ושאינו נראה עם הגיזה. שהוא חוץ יותר מדאי ונכר לכל שמדובלל מן הגיזה: אסור. כמו שנשר לגמרי קודם שחיטה. וסתמא כרבנן דפליגי עליה דעקביא דהלכתא כוותייהו:

פרק ד **עד** כמה. להטפל בבכור. להתעסק בגדולו קודם שיתנהו לכהן: בדקה עד ל' יום. ובגסה עד חמשים. ובגמ' ילפינן לה מדכתיב (שמות כב) מלאתך ודמעך לא תאחר בכור בניך תתן לי. וסמיך ליה כן תעשה לשורך לצאנך ורמיזו שורך שמוקדם במקרא למלאתך ודמעך שהוא מוקדם ולאנך שמאוחר לבכור בניך שהוא מאוחר. ומלאתך ודמעך שהם הבכורים קרבים לחמשים יום שהבואתם מביאת בפסח ואין מביאין בכורים עד העצרת דכתיב (שם כג) וחג הקציר בכורי מעשיך וכמו שאתה עושה למלאתך ודמעך שאינך מביאם אלא בסוף חמשים יום כן תעשה לשורך שלא תביאנו עד חמשים יום. וכדרך שאתה עושה לבכור בניך דכתיב ביה (במדבר יח) ופדויו מבן חדש תפדה כן תעשה לצאנך שלא תביאנו עד שלשים יום: בדקה ג' חדשים. לפי שטפולה מרובה שהיא דקה ואינה יכולה לאכול עשב ואם לא תהיה עם אמה תמות

גפאלן. נאר זי איז פר טשעפט מיט די וואל וואס איז בהעפט צום שעפס. אונ מען האט דעם שעפס גישאכטין (את שהוא נראה מן הגיזה מותר) אוב נאך דר שחיטה אז מען שערט אפ די גאנצע וואל פון שעפס. איז די אפגריסענע ביסול וואל צוזאמען אוים גמישט מיט די איבעריגע וואל. אונ עס ווערט אוים אז דיא ביסול וואל איז איינס מיט דיא איבעריגע וואל. מעג מען הנאה האבין פון דיא ביסול וואל (ואת שאינו נראה מן הגיזה אסור) אונ אויב דיא ביסול וואל ווערט ניט אוים איינס מיט דיא גישוירענע וואל. מען דער קענט אז דיא ביסול וואל איז באזונדער אפ גערישען גיווארין פאר דעם שעכטין. טאר מען ניט הנאה האבין פון דיא ביסול וואל גלייך וויא זיא וואלט אראפ גיפאלין פאר דיא שחיטה:

פרק ד א (עד כמה ישראל חייבים להיטפל בבכור) ביז וויא לאנג מוז דער יוד האלטין דעם בכור ביא זיך אונ אדעווען זיין איידער ער גיט אים צום כהן (בבהמה דקה עד שלשים יום) אלע יונגע בהמות ולמשל שעפסין אונ קאזעס אונ נאך דער גלייכין וואס זענען בכורים מוז דער בעל הבית זייא אדעווען דרייסיג טעג. דער נאך גיט ער זייא צום כהן (ובגסה חמשים יום) אונ גרויסע בהמות קעלבערו וואס זענען בכורים מוז דער בעל הבית זיי אדעווען פופציג טעג. דער נאך גיט ער זייא צום כהן. רבי יוסי זאגט (בדקה שלשה חדשים) שעפסין אונ קאזעס מוז דער בעל הבית זייא אדעווען דריי חדשים (אמר לו הכהן בתוך זמן זה) אויב דער כהן זאגט צום ישראל אין דיא צייט (אין דיא דרייסיג טעג אדער אין ד א פופציג טעג (תנהו לי) גיב מיר דעם בכור (הרי זה לא יתנו לו) טאר מען אים ניט געבין דעם בכור (אם היה בעל מום) אויב דער בכור האט גיהאט אפעלער (אמר לו) אונ

בעל מום. א"ל תן לי שאוכלנו מותר. ובשעת המקדש אם היה תמים א"ל תן לי שאקריבנו. מותר. הבכור נאכל שנה בשנה. בין תמים בין בעל מום. שנא' (דברים טו) לפני ה' אלהיך תאכלנו שנה בשנה: **ב** נולד לו מום בתוך שנתו. מותר לקיימו כל י"ב חודש. לאחר שנתו. אינו רשאי לקיימו. אלא עד ל' יום: **ג** השוחט הבכור ומראה את מומו. ר' יהודה מתיר. רמ"א הואיל והוא נשחט שלא ע"פ מומחה

ואין הלכה כר' יוסי: לא יתנו לו. דכיון דעל ישראל רמיא ליטפל בו חמשים יום. וא"ל כהן בתוך זמן זה תנהו לי וארענו דומה כמי שמוכרו שהוא מליו מן הטורח ע"מ שיתנהו לו ולא לכהן אחר ודומה לכהן המסייע בבית הגרנות לדוש ולזרות. כדי שיתנו לו התרומות. ותניא כהנים ולוים המסייעים בבית הגרנות אין נותנים להם תרומות ומעשרות אבל אם היה בעל מום ואמר לו תן לי שאוכלנו הואיל וחזי ליה לא הוי ככהן המסייע בבית הגרנו': בין תמים בין בעל מום. בין בזמן המקדש ובין עכשיו כל שנה דידיה דשאי לקיימו ובכור בעל מום ילפינן שהוא ניתן לכהן ואוכלו במומו מדכתיב (שם) ובשרם יהיה לך לשון רבים אחד בכור תם ואחד בכור בעל מום: **ב** כל שנים עשר חדש. משנולד: לאחר שנתו. כגון בזמן הזה דצריך לקיימו עד שיפול בו מום: אינו רשאי לקיימו אלא עד ל' יום. מיום שנפל בו המום: **ג** רבי יהודה מתיר. במומין שבעין מודה ר' יהודה דאסור מפני שהן משתנים לאחר מיתה שמפני צער מיתה העין משתנה ואע"ג דהשתא מתחזי מום קבוע אי הוי חזי ליה מחיים הוה מתחזי עובר ולא שרי אלא במומין שבגוף שאין משתני'. ור"ת

דער כהן האט געזאגט צום בעל הבית (תן לי שאוכלנו) גיב מיר דעם בכור איך וויל אים עסן (מותר) מעג ער אים געבן דעם בכור (ובשעת המקדש) אונ ווען דער בית המקדש איז געוועזן (אם היה תמים) אויב דער בכור איז געוועזן גאנץ אן אפעלער (אמר ליה) האט דער כהן געזאגט צום בעל הבית. אין דיא צייט (תן לי שאקריבנו) גיב מיר דעם בכור איך וועל אים מקריב זיין (מותר) מעג דער בעל הבית געבן דעם בכור צום כהן (הבכור נאכל שנה בשנה) א בכור מוז געגעסן ווערין אין דעם יאהר וואס ער ווערט געבארין (בין תמים בין בעל מום) סיי דער בכור איז גאנץ אן אפעלער. אונ סיי ער האט א פעלער (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (לפני ה' אלהיך תאכלנו שנה בשנה) דוא זאלסט דעם בכור עסן פאר גאט יאהר אין יאהר: **ב** (נולד לו מום בתוך שנתו) אויב דער בכור הט בעקומן אפעלער אין דעם יאהר וואס ער איז געבאהרין געווארין (מותר לקיימו כל שנים עשר חדש) מעג מען אים האלטין ביז צוועלף חדשים פון דעם טאג וואס ער איז געבארין געווארין (לאחר שנתו) אויב דער מום איז געווארין נאך דעם יאהר (אינו רשאי לקיימו אלא עד שלשים יום) טאר מען אים ניט מער האלטין נאר ביז דעם דרייסיגסטען טאג פון דעם טאג וואס דער פעלער איז געווארין: **ג** (השוחט הבכור ומראה את מומו) אוב ער האט געשאכטין א בכור אונ נאך דעם שעכטין האט ער געוויזען דעם בכור צו א מומחה מען זאל זעהן דעם פעלער זייענדיג אויב ער איז אזא ביגער פעלער. אונ עס איז אזוי געוועזן. דער פעלער בלייבט אויף אייביג (רבי יהודה מתיר) רבי יהודה זאגט מען מעג עסן דעם בכור. רבי מאיר זאגט (הואיל והוא נשחט שלא על פי מומחה אסור) ווייל דער בכור איז געשאכטין געווארין אונ מען האט ניט געפרעגט דעם מומחה אויב מען זאל אים שעכטין. אפילו נאך דער שחיטה האט מען אים געפרעגט. אונ ער האט געזאגט דאס איז אן אייביגער פעלער. פון דעסטוועגין טאר מען אים ניט עסן (דעם מענטש וואס פאר שטייט אויף אפעלער אויב

אסור :

ד מי שאינו מומחה וראה את הבכור ונשחט על פיו. הרי זה יקבר וישלם מביתו. דן את הדין. זיכה את החייב. וחייב את הזכאי. טמא את הטהור. וטהר את הטמא. מה שעשה

סבר גזירה מומין שבגוף שאין משתני' אטו מומין שבעין שהן משתנים והלכה כר"מ : ד מומחה. הוא שנטל רשות מן הנשיא. או מבית דין של ארץ ישראל להתיר בכורות. ואע"ג דבעלמא מי שלמד בתורה (שבכתב ושבע"פ) ויודע לסבור ולהקיש ולהבין דבר מתוך דבר הוא הנקרא מומחה וכשהוא ככר ידוע ויצא טבעו אצל אנשי דורו הוא מומחה לרבים. והוא יכול לדון יחידי. ואע"ג דלא נקט רשותא מראש גולה. לענין היתר בכורות אינו קרוי מומחה. ואינו יכול להתיר בכורות אלא אחר שיטול רשות מב"ד הסמוכין בא"י ואין רשות ראש הגולה מועיל בזה : וישלם מביתו. וכשהוא משלם לכהן נותן רביע דמיו אם היא בהמה דקה. וחצי דמיו אם היא גסה. ומה"ט משלם מחצה דממון המוטל בספק חולקים. דאיכא למימר אפסדיה דאי לא הוה שרי ליה האי. הוה אתי מומחה גמור ושרו ליה והיה אכיל ליה והשתא בעי קבורה. ואיכא למימר לאו מידי אפסדיה דדלמא לא הוה ביה מומא ומומחה גמור לא הוי שרי ליה ושמא לא הוה נפיל ביה מום קבוע לעולם עד שימות. והאי דלא משלם פלגא לדקה כמו לגסה. מפני שיש טורח גדול לגדל בהמה דקה וזה שהתיר הבכור הצילו לכהן מן הטורח הגדול שהיה לו לטפל בה דשמא אם הראהו לאחר לא היה מתירו והיה לו טפול מרובה עד שיפול בו מום להכי נגעו בה דלא משלם אלא רביע ורמב"ם פירשה בענין אחר וזה עיקר : מה שעשה עשוי וישלם מביתו. למאן דדאין דינא דגרמי חייב לשלם מביתו בשביל שגרם הפסד לחבירו. ומאן דלא דאין דינא דגרמי מפרש מתני' דוקא שנשא ונתן ביד. זיכה את החייב משכחת לה כגון שהיה לו משכון למלוה וזה פטר את הלוה ונטל את המשכון בידו מיד המלוה והחזירו ללוה. וטמא את הטהור נמי משכחת לה שנשא ונתן ביד. כגון שהביאו לפניו טהרות לישאל עליהן ואמר טמאות הן ונטל שרץ אחד והגיעו בהן כדי שלא יהא בהן עוד ספק ויעמדו

ער וועט גיזונד ווערין אדער ניין. אונ ער האט גינומען רשות פון דעם נשיא וואס אין ארץ ישראל. דער הייסט אמומחה : ד (מי שאינו מומחה וראה את הבכור) אמענטש וואס איז ניט קיין מומחה האט גיזעהן אפעלער ביי אבכור. אונ ער האט גיזאגט דאס איז אאייביגער פעלער (ונשחט על פיו) האט מען גישאכטין דעם בכור וייל דער מענטש האט גיזאגט מען מעג אים שעכטין. אונ אין אמת איז דאס גאר ניט קיין פעלער (הרי זה יקבר) זאל מען דעם בכור בגראבין (וישלם מביתו) אונ דער מענטש וואס האט גיהייסין שעכטין דעם בכור. דארף בצאהלין צום בעל הבית (אויב דער בכור איז גיוועין אשעפס אדער אקאזע. דארף ער נאר צאהלין אפערטיל וויא פיל דער בכור איז ווערט גיוועין. אונ אויב דער בכור איז גיוועין אקאלב. דארף ער צאהלין העלפט וויא פיל דער בכור איז ווערט גיוועין (דן את הדין זיכה את החייב וחייב את הזכאי) אמענטש וואס האט ניט גינומען רשות פון בית דין צו זיין אדיין. אונ ער האט גיפסקנת אדין. אונ ער האט שלעכט גיפסקנת. וועמען עס איז גיוועין אומגירעכט האט ער גיזאגט ער איז גירעכט. אונ וועמען עס איז גיוועין גירעכט. האט ער גיזאגט ער איז אומגירעכט (טמא את הטהור) די זאך וואס איז גיוועין טהור האט ער גיזאגט זיא איז טמא (וטהר את הטמא) אונ דיא זאך וואס איז גיוועין טמא האט ער גיזאגט זיא איז טהור (מה שעשה עשוי) וואס ער האט גיטאהן איז גיטאהן (וישלם מביתו) אונ וועמען ער האט גיטאהן אשאדין זאל ער אים בצאהלין פון

עשוי. וישלם מביתו. ואם היה מומחה לבית דין פטור מלשלם. מעשה בפרה שנטלה האם שלה. והאכילה ר"ט לכלבים. ובא מעשה לפני חכמים והתירוה. אמר תודוס הרופא. אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא. עד שהם חותכין את האם שלה. בשביל שלא תלד. אמר ר"ט הלכה חמורך טרפון. א"ל ר"ע. ר"ט פטור אתה. שאתה מומחה לב"ד. וכל המומחה לב"ד פטור לשלם

דבריו. וטהר את הטמא. כגון שלקח פירות טהורות ועירבן עם פירות אלו שטהר הוא שלא כדין ונטמאו: ואם היה מומחה לב"ד. שנטל רשות מב"ד פטור. דלא מצי למימר ליה אמאי דיינת ליה הואיל ולא בקיאת בדיני: האם שלה. רחם שלה: והאכילה ר"ט לכלבים. ששאלו לו עליה ואמר טרפה והאכילה לכלבים: שלא תלד. מפני שפרות וחזירות שלהן מעולין מאד ומוכרים אותן ביוקר ורוצים שלא ילדו במלכות אחרת כדי שיהיו צריכים להם. וחותכים האם שלה ואינה מתה הלכך לאו טרפה היא: הלכה חמורך טרפון.

הפסדת חמורך שאתה צריך למכרו כדי לשלם דמי הפרה לבעלים: שמומחה אתה. חדא ועוד קאמר ליה. חדא דטועה בדבר משנה הוא. דמתני' היא באלו טרפות נטלה האם שלה כשירה. וקי"ל דטועה בדבר משנה חוזר הדין ודנין אותו כראוי ואינו משלם. ועוד א"כ בשקול הדעת טעית דאיסורך אסור. ולא מצית למיהדר ונמצא שאתה הפסדתו. אפ"ה פטור אתה. לפי שאתה מומחה. ושקול הדעת היינו כגון תרי תנאי או תרי אמוראי דפליגי ולא אתמר הלכתא לא כמר ולא כמר. וסוגיין דעלמא כחד מינייהו ואזל הוא ועבד כאידך.

---

זיין געלט (ואם היה מומחה לבית דין) אויב בית דין האבן געגעבן רשות צו דעם מענטשין ער זאל זיין א דיין. אונ ער האט א טעות געהאט (פטור מלשלם) דארף ער ניט בצאהלין (מעשה בפרה שנטלה האם שלה) עס האט אמאהל געטראפין אז ביי א קוה איז צו גינומען געווארין פון בויך דער ארט ווא דאס קינד ליגט ווען זיא איז מעוברת (והאכילה רבי טרפון לכלבים) רבי טרפון האט געזאגט דיא קוה איז טריף. אונ ער האט איר געגעבן צו די הינט זיא זאלין איר אויף עסין (ובא מעשה לפני חכמים והתירוה) דער נאך האט מען דער ציילט דיא שאלה פאר דיא חכמים. האבין זייא געזאגט דיא קוה איז כשר מען מעג איר עסין (אמר תודוס הרופא) דער דאקטאר תודוס האט געזאגט (אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא עד שהם חותכין את האם שלה) א קוה אונ א חזיר גייען ניט ארויס פון אלכסנדריא ביז מען שניידט אויס פון זייער בויך דעם ארט ווא דאס קינד ליגט ווען זייא זענען מעוברת (בשביל שלא תלד) זיא זאל ניט האבין קיין קינדער. אבער זיא קען לעבין. איז זיא דאך ניט טריף. האט מען דאך איר ניט גידארפט געבין צוא דיא הינט (אמר רבי טרפון) האט רבי טרפון געזאגט (הלכה חמורך טרפון) טרפון דיין אייזיל איז שוין אוועק גיגאנגען. רבי טרפון האט געזאגט צוא זיך אליין איך וועל מוזין פאר קויפען מיין אייזיל אונ בצאהלין פאר דיא קוה (אמר ליה רבי עקיבא) האט רבי עקיבא געזאגט צו רבי טרפון (רבי טרפון פטור אתה) רבי טרפון דוא דארפסט ניט בצאהלין פאר דיא קוה (שאתה מומחה לבית דין) ווארום דוא האסט רשות פון בית דין צוא פסקנן דינים אונ שאלות (וכל המומחה לבית דין פטור מלשלם) אונ דער וואס האט רשות פון בית דין צו פסקנן דינים אונ שאלות. אויב ער האט א טעות אין א דין דארף ער ניט בצאהלין. אונ נאך א טעם איז פאר וואס ער דארף ניט בצאהלין. ווייל ער הט געהאט א טעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט אין א משנה ניט אזוי וויא ער האט גיפסקנת. אונ אז מען האט א טעות אין

אם בעצם עצמו ומשלם מביתו: **ה** אין שוחטין על פיו. דדלמא משום הגרה קא שרי ליה: כאילא. שם חכם היה ביבנה וחסיד היה ולא נחשד בכך. ובין אמר להו תמים ובין אמר להו בעל מום היה נוטל כל שכרו: ד' איסרות בבהמה דקה ובגסה ששה. גסה נפישא טרחא להפיל לארץ ולכפות' ולבדוק מומו הלכך שכרה מרובה: בין תמים בין בעל מום. ואע"ג דכי א"ל תם הוא לא אהני ליה ולא מידי. נוטל שכרו דאי לא שקיל אגרא אתו למחשדיה כי אמר בעל מום הוא. ומכאן דן הרמב"ם על השוחטים לרבים שראוי להם. או שלא יטלו שכר כלל. או שיטלו שכר על הנמצאות נבלה או טרפה כמו על הנמצאות כשירה. דומיא דרואי מומי הבכור:

**ו** הנוטל שכר לדון דיניו בטלים. דכתיב (דברים ד) ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים כאשר צוני ה' מה אני בחנם אף אתם בחנם. וברבני אשכנז ראיתי שערוריה בדבר זה שלא יבוש הרב הנסמך ראש ישיבה ליטול עשרה זהובים כדי להיות עומד על כתיב' ונתינת גט אחד והעדים החתומים על הגט שני זהובי' או זהוב לכל הפחות לכל אחד. ואין זה הרב בעיני אלא גזלן ואנס. לפי שהוא יודע שאין נותנים בעירו גט שלא ברשותו והנותן הגט בעל כרחו צריך שיתן לו כל חפצו וחושב אני לגט זה שהוא פסול. דהא תנן במתני' הנוטל שכר לדון דיניו בטלין. להעיד עדותו בטלה: להזות. ממי חטאת על טמא מת: לקדש. לערב אפר חטאת במים חיים אל כלי: אפר

מלשלם: **ה** הנוטל שכרו להיות רואה בכורות. אין שוחטין על פיו. אא"כ היה מומחה. כאילא ביבנה. שהתירו לו חכמים להיות נוטל ארבעה איסרות בבהמה דקה. וששה בגסה. בין תמים בין בעל מום: **ו** הנוטל שכרו לדון. דיניו בטלים. להעיד עדותיו בטלין. להזות ולקדש. מימיו מי מערה. ואפרו אפר מקלה. אם

---

אזוי אזאך וואס עס שטייט אין אמשנה אנדערש. דארף מען ניט בצאהלין ועיין בהרע"ב ותי"ט: **ה** (הנוטל שכרו להיות רואה בכורות) דער וואס נעמט גיצאהלט ער זאל זעהן די בכורים אויב זייא האבין אפעלער. אונ אויב דער פעלער איז אאייביגער (אין שוחטין על פיו) אויב ער זאגט אויף אבכור אז ער האט אאייביגען פעלער. טאר מען ניט שעכטין דעם בכור דורך זיינע רייד. טאמער האט ער גינומען געלט ער זאל זאגן אז דאס איז אאייביגער פעלער. אונ עס איז ליגען (אלא אם כן היה מומחה כאילא ביבנה) ביידין ער האט גיהאט רשות פון בית דין צוא זעהן דיא פעלערס פון דיא בכורים. אונ ער איז אזוי פרום וויא אילא פון דיא שטאט יבנה (שהתירו לו חכמים) דיא חכמים האבין מתיר גיוועזן צוא אילא (להיות נוטל ארבעה איסרות בבהמה דקה) אז ער זעהט די פעלערס פון שעפסין אונ פון קאזעס וואס זענען בכורים! זאל ער נעמען פאר זיין טירחה פיר איסרות (וששה בגסה) אונ אז ער זעהט דיא פעלערס פון קעלבער וואס זענען בכורים! זאל ער נעמען פר זיין טירחה זעקס איסרות (בין תמים בין בעל מום) סיי ער וועט געפינען דער בכור איז גאנץ אן אפעלער. אונ סיי ער וועט געפינען אאייביגען פעלער. זאל ער אלין נעמען דיא זעלביגע גיצאהלט. וועט ער דאך שוין ניט דארפין זאגן קיין ליגען: **ו** (הנוטל שכרו לדון) דער דיין וואס נעמט גיצאהלט ער זאל פסקנן אדין תורה (דיניו בטלים) זענען זיינע דינים בטל (להעיד) אונ דער מענטש וואס נעמט געלט ער זאל עדות זאגן אפילו אמת (עדותיו בטלין) איז זיינע עדות בטל (להזות ולקדש) אונ דער מענטש וואס נעמט געלט ער זאל שפריצען דיא וואסער מיט אש פון דיא פרה אדומה אויף אטמא. אדער ער זאל צו מישען דיא אש מיט דיא וואסער (מימיו מי מערה) איז דיא וואסער פסול גלייך ויא מען וואלט זייא אן נישעפט אין אגרוב (ואפרו אפר מקלה) אונ דיא אש איז פסול

מקלה. אפר כירה קרויה אפר מקלה. כלו' אפר בעלמא שאין בה קדושה: אבל אם היה. זה רואה הבכורות או זה הדיין או העד או המקדש כהן. והעבידו שמוליכו עמו במקום טומאה ומטמאהו מתרומתו ומפסידו שצריך לקנות חולין ולאכול ידמי חולין יקרים מדמי תרומה שהחולין ראויין לכל ותרומה אינה ראויה אלא לכהנים טהורים: מאכילו. זה שמוליכו ומשקהו וסכו: ונותן לו שכרו כפועל. אם היה רגיל במלאכה כבדה וקשה ומרויח בה הרבה. אומדים כמה אדם כזה רוצה ליטול פחות ממה שהיה מרויח במלאכה כבדה ולהתעסק במלאכה זו שהיא קלה וכך נותן לו.

היה כהן וטמאהו מתרומתו. מאכילו ומשקו וסכו. ואם היה זקן מרכיבו על החמור. ונותן לו שכרו כפועל: ז החשוד על הבכורות אין לוקחין ממנו בשר צבאים. ולא עורות שאינן עבודין. רבי אליעזר אומר לוקחים ממנו עורות של נקבה ואין לוקחים

וכן מותר לכל דיין ליטול שכר בטלה כשהבטלה ניכרת ומפורסמת. ולוקח משני בעלי הדין בשוה ויותר מזה אסור: ז החשוד על הבכורות. כהן החשוד להטיל מום בבכור: בשר צבאים. שאדום הוא ומחליף בבשר עגל ואמרינן דמזבן בכור עגל תמים ואומר שבשר צבי הוא. דאין למום לבכורה: ולא עורות שאינן עבודים אבל עבודים זבנינן מיניה דאי איתא דבכור הוא לא הוה טרח בי' הכר שמעי בי רבנן ומפסדי ליה מיניה: לוקחים ממנו עורות של נקבה. דמידע ידיעי ות"ק דאסר סבר דלמא אתי לזכרותיה ועביד ביה כמין נקבות וכי משיילי ליה מה אתוך זה

---

גלייך וויא זייא וואלטין גיוועז אש פון פאר ברענטע האלץ (אם היה כהן וטמאהו מתרומתו) אויב דער וואס איז גיגאנגען זעהן דעם בכור. איז גיוועזן א כהן. אונ דער בעל הבית פון בכור האט געפירט דעם כהן דורך אזוי א וועג וואס דער כהן איז טמא גיווארין. טאר ער ניט עסין קיין תרומה נאר ער מוז עסין חולין. אונ חולין איז טייערער וויא תרומה. האט דאך דער בעל הבית פון בכור שאדין גימאכט דעם כהן געלט (מאכילו ומשקו וסכו) זאל דער בעל הבית פון בכור געבין עסין אונ טרינקען אונ בוימיל צוא שמירען זיין לייב אלין פון חולין (ואם היה זקן מרכיבו על החמור) אונ אויב דער וואס גייט זעהן דעם בכור (דער מומחה) איז איין אלטער מאן. זאל דער בעל הבית אים געבין א אייזיל ער זאל רייטין אויף אים (ונותן לו שכרו כפועל) אויב דער מומחה איז גיוועזן א בעל מלאכה פון א שווערע ארבעט. זאל מען פרעגין איין אנדער בעל מלאכה וואס ארבעט אויך אזוי א שווערע ארבעט ווי דער מומחה. וויא פיל ער וויל ווייניגער פאר דינען א טאג אונ ער זאל ניט ארבעטין די שווערע ארבעט נאר אזו א גרינגע ארבעט וויא עס איז צו זעהן א בכור. אזוי פיל זאל דער בעל הבית צאהלין דעם מומחה א גאנצע טאג: ז (החשוד על הבכורות) דער כהן וואס איז אין חשד ער זאל מאכין א פעלער אין דעם בכור וואס מען גיט איהם (אונ דאס טאר מען ניט) (אין לוקחין ממנו בשר צבאים) טאר מען ניט קויפין בי אים קיין פלייש פון א הערש. ווארום די פלייש פון א הערש זעהט אויס אזוי וויא די פלייש פון א קאלב. טאמער וועט דער כהן שעכטין א קאלב א בכור אן א פעלער. אונ וועט פאר קויפען די פלייש אונ ער וועט זאגין די פלייש איז פון א הערש (ולא עורות שאינן עבודין) אונ מען טאר ניט קויפין ביי דעם כהן פעל ניט אויס גיארבעטע. טאמער איז די פעל פון א בכור וואס מען האט אים גישאכטין אן א פעלער. רבי אליעזר זאגט (לוקחין ממנו עורות של נקבה) מען מעג קויפען פון דעם כהן פעל פון א בהמה א נקבה (ואין לוקחין ממנו צמר מלובן וצואי) אונ מען טאר ניט קויפען פון דעם כהן וואל וואס זענען

ממנו צמר מלובן וצואי אבל לוקחין ממנו טווי ובגדים: **ח** החשוד על השביעית אין לוקחין ממנו פשתן. ואפילו סרק. אבל לוקחין ממנו טווי ואריג: **ט** החשוד להיות מוכר תרומה לשם חולין אין לוקחין ממנו אפי׳ מים או מלח דברי רבי יהודה ר״ש אומר כל שיש בו זיקת תרומות ומעשרות אין לוקחין ממנו: **י** החשוד על השביעית אינו חשוד על המעשרות. החשוד על המעשרות אינו חשוד על

שבמקום נקבות. אומר שהבכורים אכלוהו ואין הלכה כר״א: מלובן וצואי. פירשו בגמרא דמלובן מאליו קאמר. כלומר מרוחץ מאליו ולא אמרינן הוי דבכור הוא לא מפסיד טרחיה ולא מלבן ליה דהכר שמעי רבנן ומפסדי ליה מגאי דכיון דטרחא זוטא היא טרח ומלבן ליה ולא קפיד עליה: אבל לוקחין ממנו טווי ובגדים. דהוי דבכור הוא מילי כהאי לא טרח בהו. דקפיד אטרחיה דלמא מפסדי ליה מניה: טווי ובגדים. לאו בגדים ממש קאמר דהשתא טווי גרידא לוקחין ממנו. בגדים ארוגים מבעיא אלא בגדים היינו לבדים עשויים מצמר שאין טווין: ח החשוד על השביעית. לזרוע או לעשות סחורה בספיחי שביעית: סרק. מתוקן במסרק דכיון דטרחיה זוטא לא קפיד: אריג. לאו אריג ממש דהשתא טווי הוי אריג מבעיא. הרי בא לכלל טווי קודם לכן אלא אריג היינו כעין שהפרות שעושין מפשתן שלא נטוה מעולם: ט אפילו מים ומלח. ומשום קנס: כל שיש בו זיקת תרומות. כל דבר שתרומה נוהגת בו. וכל. לאתויי קרבי דגים שמערבין בהן שמן זית שיש בו זיקת תרומה והלכה כר״ש: י אינו חשוד על המעשרות. ולוקחים ממנו הבוחס בשאר שני השבוע. ואין מעשרינן מהן ודאי אלא דמאי. וטעמא דחשוד על השביעית אין חשוד על המעשרות וחשוד על המעשרות אין חשוד על השביעית לפי שיש בכל אחד מהן חומר שאינו בחברו. שביעית א״ל להאכל לפנים מחומת ירושלים. ומע״ש אינו נאכל אלא לפנים

---

אפ גיוואשין געווארין פון זייער אומריינקייט. טאמער איז דיא וואל פון אבכור (אבל לוקחין ממנו טווי ובגדים) אבער מען מעג קויפין פון דעם כהן געשפונענע וואל. אונ קליידער אפילו ניט פון געשפונענע וואל נאר פילשטש: ה (החשוד על השביעית) דער מענטש וואס איז אין חשד צו זייען אום שביעית ושמטה. אדער צו פאר קויפען דיא תבואה וואס וואקסט אום שמטה (אין לוקחין ממנו פשתן) טאר מען ניט קויפין פון אים פלאקס (ואפילו סרק) אונ אפילו ער האט אוים געבארשטין דיא פלאקס. טאר מען זייא אויך ניט קויפען פון אים (אבל לוקחין ממנו טווי ואריג) אבער מען מעג קויפען פון דעם מענטש געשפונענע פלאקס. אונ גיפלאכטענע קיטלאך פון פלאקס אפילו ניט פון געשפונענע: ט (החשוד להיות מוכר תרומה לשם חולין) דער וואס איז אין חשד ער זאל פאר קויפין תרומה אונ זאל זאגין דאס איז חולין (אין לוקחין ממנו אפילו מים או מלח) טאר מען ניט קויפין פון דעם מענטש אפילו וואסער אדער זאלץ (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה. רבי שמעון זאגט (כל שיש בו זיקת תרומות ומעשרות אין לוקחין ממנו) דיא זאכין וואס מען דארף געבין פון זייא תרומה אונ מעשר טאר מען ניט קויפען פון אים. אבער אנדערע זאכין מעג מען קויפין פון אים: י (החשוד על השביעית אינו חשוד על המעשרות) דער מענטש וואס איז אין חשד ער זאל זייען אום שמטה. אדער צוא פאר קויפען דיא תבואה וואס וואקסט אום שמטה. איז ער ניט אין חשד ער זאל ניט מעשרין. נאר מיר זאגין ער מעשרת יא (החשוד על המעשרות) אונ דער וואס איז אין חשד ער זאל ניט געבין מעשר (אינו חשוד על השביעית) איז ער ניט אין חשד ער זאל זייען אום שמטה. אונ איז ניט אין חשד ער זאל

מן השומא. הלכך איכא דחמיר ליה טובא מעשר מעוה שביעית. ומעשר אית ליה פדיון. ושביעית כיון שנאסרה אין לה פדיון. הלכך איכא דחמיר עליה שביעית ממעשר: החשוד על זה ועל זה. כיון דחשוד אדאורייתא. כ"ש דחשוד על טהרות. דמדרבנן הוא שיהא אדם אוכל חולין בטהרה: ויש שחשוד על הטהרות. דרבנן ואינו חשוד לשביעית ולמעשרות דמאן דחשוד אדרבנן לא חשוד אדאורייתא:

השביעית. החשוד על זה ועל זה. חשוד על הטהרות. ויש שהוא חשוד על הטהרות. ואינו חשוד לא על זה ולא על זה. זה הכלל. כל החשוד על הדבר לא דנו ולא מעידו:

פרק ה **כל** פסולי המוקדשים הנאתן להקדש. נמכרין באיטליז ונשחטין באטליז ונשקלין בליטרא. חוץ מן הבכור ומן המעשר. שהנייתן

פרק ה **כל** פסולי המוקדשין. קדשים שנפל בהן מום אם מוכרין אותן ביוקר טובת הנאה להקדש הוא הלכך נמכרים באטליז. דהיינו שוק שמוכרים בו בשר חולין. ושם נמכרין ביוקר: ונשקלין בליטרא. להמכר

---

פאר קויפען דיא תבואה וואס וואקסט אום שמטה (החשוד על זה ועל זה) דער וואס איז אין חשד אויף ביידע. ער זאל ניט געבען מעשר אונ זאל זייען אום שמטה. אונ זאל פר קויפען דיא תבואה וואס וואקסט אום שמטה (חשוד על הטהרות) איז ער אין חשד ער זאל פאר קויפען זאכען וואס זענען טמא. אונ זאל זאגין זייא זענען טהור (ויש שהוא חשוד על הטהרות) אונ עס זענען דא מענטשין וואס זענען אין חשד צו פאר קויפין זאכין וואס זענען טמא. אונ זאלין זאגין זייא זענען טהור. פון דעסטוועגין (ואינו חשוד לא על זה ולא על זה) זענען זייא ניט אין חשד. ניט אויף מעשר אונ ניט אויף שביעית ודאס איז נאר אויב זייא נארין ביא אטומאה וואס דיא רבנן האבין מטמא געווען. אבער ביי אזוי אטומאה וואס דיא תורה האט מטמא געווען נארין זייא ניט. זענען זייא ניט אין חשד ניט אויף מעשר אונ ניט אויף שביעית. אבער אז זייא אזוי אטומאה וואס דיא תורה האט מטמא געווען נארין זייא אויך. זענען זייא אין חשד אויף מעשר אונ אויף שביעית אויך (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל החשוד על הדבר) דער וואס איז אין חשד אויף אזאך (לא דנו ולא מעידו) טאר ער ניט זיין אדיין אויף דיא זאך. אונ טאר ניט זיין אעדות אויף דיא זאך:

פרק ה **א** (כל פסולי המוקדשין) אלע קרבנות וואס זענען פסול געווארין. אונ מען דארף זייא פאר קויפין. אונ קויפין פאר זייער געלט אנדערע קרבנות (הנאתן להקדש) זייער הנאה געהער צום בית המקדש. אויב מען ניט איצט פאר דיא קרבנות מער געלט וויא זייא האבין געקאסט פריער ודהיינו איינער האט געקויפט אבהמה פאר צוואנציג רובל. אונ האט זיא געבראכט פאר אקרבן. אונ דער קרבן האט צו בראכין אמום. דארף מען דעם קרבן פאר קויפין. אונ קויפין פאר דיא געלט איין אנדער קרבן. וועט אזו זיין. אויב אז מען וועט שעכטין דעם קרבן וועט מען אים מעגן פר קופין אין יאטקע. וועט מען איצט פאר אים געבין פינף אונ צוואנציג רובל. אונ אויב מען וועט אים מוזין שעכטין אין דער היים וועט מען פאר אים געבין ווייניגער. זאגט דיא משנה וויל דאס וואס מען ניט מער גיהער צום בית המקדש. דריבער (נמכרין באטליז) אונ פאר קויפין דיא פלייש אין דער היים. מען מעג מען דעם קרבן אויך פאר קויפין אין יאטקע (ונשחטין באטליז) אונ מען מעג אים שעכטין אין יאטקע (ונשקלין בליטרא) אנ זייא ווערין געוואוגין אויף דיא וואג. אזוי וויא קצבים פאר קויפין אלע פראסטע פלייש (חוץ מן הבכור ומן המעשר) אויב דער בכור וואס

לבעלים. פסולי המוקדשין הנייתן להקדש. ושוקלין מנה כנגד מנה בבכור: ב בש"א לא ימנה ישראל עם הכהן על הבכור. ב"ה מתירין ואפי' נכרי. בכור שאחזו דם אפי' הוא מת. אין מקיזין לו דם. דברי ר"י. וחכ"א

להמכר כדרך שהקצבים מוכרים בשר חולין. דמתוך שיכול למכור ביוקר מוסיפים בדמים כשפודים אותם מן ההקדש: חוץ מן הבכור ומן המעשר. שאם נמכרים ביוקר הנאתן לבעלים. בכור שהנאתו לכהן. דבשר בכור נאכל לכל אדם והכהן מוכרו ונוטל דמיו ולכהן קרי בעלים של בכור ומשום הנאת הדיוט לא מזלזלינן בקדשים לנהוג בהן מנהג חולין למכרן באטליז. אלא בביתו. ואף ע"פ שלא יקפצו עליהם בני אדם כל כך ואין נמכרים בליטרא כל כך אלא בזול ואם יפסיד לית לן בה: ושוקלין מנה כנגד מנה בבכור. שאם יש לו חתיכת בשר חולין שנשקלה בליטרא יכול לשקול בשר בכור כנגדה. אבל מעשר אין שוקלים מנה כנגד מנה דמחזי כאילו מוכרו. ובהמת מעשר אסור למכרה כלל משום דלא כתיב בה לא יפדה כדרך שכתוב בבכור אלא לא יגאל. ושנינו בספרי בכור שנאמר בו לא יפדה הוא נמכר. מעשר שנאמר בו לא יגאל. אינו נמכר לא חי ולא שחוט ולא תמים ולא בעל מום: ב לא ימנה ישראל עם הכהן. לאכול עמו בחבורה. מבשר בכור בעל מום שאין נמנין על הבכור אלא חבורה שכולה כהנים דכתיב (במדבר יח) ובשרם יהיה לך כחזה התנופה וכשוק הימין מה חזה ושוק כהנים אין ישראל לא אף בכור בין תמים בין בעל מום כהנים אין ישראל לא: וב"ה מתירין. ואפילו נכרי דכתיב (דברים יב) כצבי וכאיל מה צבי ואיל אפילו נכרי אף בכור נמי. וקרא דכתיב (במדבר יח) ובשרם יהיה לך כחזה התנופה וכשוק הימין. בבכור תמים דוקא משתעי: שאחזו דם. חולי שהוא מסתכן בו מרבוי הדם: אין מקיזין לו דם. ואפי' במקום שאינו עושה בו מום. דמתוך שאדם בהול על ממונו אי

בייא דעם כהן האט בעקומען אפעלער. אדער דיא בהמה פון מעשר האט בעקומען אפעלער בייא דעם בעל הבית אונ מען פאר קויפט זייא. ווייל (שהנייתן לבעלים) זייער הנאה גיהער צום בעל הבית. אז מען וועט זייא פאר קויפן פאר טייער. גיהער דאס פאר דינסט פון בכור צום כהן אונ פון מעשר צום בעל הבית. דריבער טאר מען ניט פאר קויפן דיא פלייש אין יאטקע. אונ מען טאר ניט שעכטין אין יאטקע. אונ מען וועגט ניט דיא פלייש אויף דיא וואג. נאר מען פאר קויפט אזוי אויף דיא שטיק (פסולי המוקדשין הנייתן להקדש) קרבנות וואס זענען פסול גיווארין. דיא הנאה וואס מען האט פון דעם פאר קויפן גיהער צום בית המקדש ואזו וויא פריער שטייט) (ושוקלין מנה כנגד מנה בבכור) אויב ער האט אשטיק פלייש פראסטע. אונ ער ווייס וויא פיל זיא וועגט. מעג ער וועגן געגין די שטיק פלייש. די פלייש פון בכור. ער לייגט אריין דיא פראסטע שטיק פלייש אין איין וואג שאל. אונ אשטיק פלייש פון בכור אין דיא אנדערע וואג שאל. אונ אויב זייא וועגין ביידע גלייך. ווייס ער וויא פיל דיא שטיק פלייש פון בכור וועגט: ב בית שמאי זאגין (לא ימנה ישראל עם הכהן על הבכור) אויב אכהן האט אבכור צו עסין אים. טאר ער ניט בעטין ישראלים זאלין מיט אים אויך עסין פון דעם בכור (בית הלל מתירין ואפילו אכותי) בית הלל זאגין אפילו אכותי מעג אויך עסין פון דעם בכור (בכור שאחזו דם אפילו הוא מת) אוב דם בלוט האט זיך גשטארקט אין דעם בכור. אפילו ער וועט פיינגערין דורך דיא בלוט. פון דעסטוועגין (אין מקיזין לו דם) טאר מען ניט עפענין אאדער דיא בלוט זאל ארויס גיין (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגן

אי שרית ליה במקום שאין עושה בו מום אתי למעבד במקום שעושה בו מום: ובלבד שלא יעשה בו מום. שלא יסדוק ראש אזנו או ניב שפתיו במקום שלא יוכל לחזור ולהתרפאות ואפילו נפל בו מום אחר משום קנס. לפי שעבר והטיל מום בקדשים שהמטיל מום בקדשים הופג את הארבעים. ואפילו עשה מום בבעל מום דכתיב (ויקרא כב) כל מום לא

יקיז. ובלבד שלא יעשה בו מום. ואם עשה בו מום. הרי זה לא ישחט עליו. ר"ש א' יקיז. אע"פ שהוא עושה בו מום: **ג** הצורם באוזן הבכור. הרי זה לא ישחט עולמית. דברי ר"א. וחכ"א כשיולד לו מום אחר. ישחט עליו. מעשה בזכר של רחלים זקן ושערו מדולדל. ראהו קסדור אחד. אמר מה טובו של זה. אמרו לו בכור הוא. ואינו נשחט אלא אם כן היה בו מום. נטל

דסברי רבנן כ"ש דאי לא שרית ליה במקום שאין בו מום אתי למעבד אפי' במקום שיש בו מום: לא ישחוט עליו. הואיל והוא הכילו עד שיפול בו מום אחר: יקיז. אף במקום שעושה בו מום אם הוא צריך לסקיז מאותו אבר ולא ימיתנו שימות. ואע"פ שהוא הכיל

יהיה; קרי ביה לא יהיה בו שלא יטיל בו מום ומדהוה ליה למכתב מום וכתב כל מום לרבות אפילו בעל מום שלא יטיל בו מום: כשיולד לו מום אחר ישחט עליו. ואפילו באותו מום עצמו אם מת המטיל את המום בנו שוחט אחריו על אותו מום דלדידיה קנסו

המום בידיו ישחט עליו והל' כר"ש: **ג** הצורם. רבנן. לבריה לא קנסו רבנן וכן הל': ושערו הפוגם. והכהן איירי שפוגם אוזן הבכור כדי מרודלדל. לפי שלא נגזז מעולם: קסדור. שיהיה חולין בידו: הרי זה לא ישחט עולמית. ממונה מהמלך: מה טובו של זה. שהניחוהו

---

(יַקִיז) מֶען זָאל יָא עֶפֶענֶען אַאָדֶער דִיא בְּלוּט זָאל אַרוּס גֵיין (וּבִלְבַד שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה בּוֹ מוּם) נָאר עֶר זָאל נִיט מאכין אִין דֶעם בְּכוֹר אַפֶּעלֶער (וְאִם עָשָׂה בּוֹ מוּם) אוּנ אוֹיבּ עֶר הָאט גֶמַאכְט אַפֶּעלֶער אִין דֶעם בְּכוֹר מִיט דֶעם אָדֶער עֶפֶענֶען (הֲרֵי זֶה לֹא יִשָּׁחֵט עָלָיו) טָאר מֶען נִיט שֶׁעכְטִין דֶעם בְּכוֹר דוּרְךְ דֶעם פֶּעלֶער. נָאר מֶען מוּז וַוארְטִין בִּיז עֶר וֶועט בֶּעקוּמֶען אֵיין אַנְדֶער פֶּעלֶער. רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (יַקִּיז אַף עַל פִּי שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בּוֹ מוּם) פוּן וֶועלְכִין אָרְט עֶר דַארְף עֶפֶענֶען דֶעם אָדֶער. מֶעג עֶר עֶפֶענֶען. אֲפִילוּ דוּרְךְ דֶעם וֶועט וֶוערִין אַאֵייבִּיגֶער פֶּעלֶער. מֶעג עֶר אוֹיךְ. אוּנ אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקִי גֶוָוארִין אַאֵייבִּיגֶער פֶּעלֶער. מֶעג עֶר אִים שֶׁעכְטִין דוּרְךְ דֶעם פֶּעלֶער אַלֵיין: **ג** (הַצּוֹרֵם בְּאֹזֶן הַבְּכוֹר) אוֹיבּ דֶער כֹּהֵן הָאט אַיין גֶשְׁפָּאלְטִין דֶעם אוֹיעֶר פוּן אַבְּכוֹר עֶס זָאלִין וֶוערִין אַפֶּעלֶער עֶר זָאל אִים מֶעגִין שֶׁעכְטִין (הֲרֵי זֶה לֹא יִשָּׁחֵט עוֹלָמִית) טָאר מֶען קֵיין מָאל נִיט שֶׁעכְטִין דֶעם בְּכוֹר. אֲפִילוּ עֶס וֶועט אִין אִים וֶוערִין נָאךְ אַפֶּעלֶער (דִּבְרֵי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר) אַזוֹ זָאגְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (וַחֲכָמִים אוֹמְרִים) אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגִין (כְּשֶׁיִּוָּלֵד לוֹ מוּם אַחֵר יִשָּׁחֵט עָלָיו) אַז דֶער בְּכוֹר וֶועט בֶּעקוּמֶען אֵיין אַנְדֶער פֶּעלֶער וֶועט מֶען אִים מֶעגִין שֶׁעכְטִין. אוּנ אוֹיבּ דֶער כֹּהֵן וָואס הָאט צוּ שְׁפָּאלְטִין דֶעם אוֹיעֶר פוּן דֶעם בְּכוֹר אִיז גֶשְׁטָארְבִּין. דֶער זוּן פוּן דֶעם כֹּהֵן מֶעג שֶׁעכְטִין דֶעם בְּכוֹר דוּרְךְ דֶעם פֶּעלֶער אַלֵיין (מַעֲשֶׂה בְּזָכָר שֶׁל רְחֵלִים זָקֵן וּשְׂעָרוֹ מְדֻלְדָּל) עֶס אִיז אַמָאהְל גֶוֶועזֶען אַזָכָר פוּן שֶׁעפְּסִין אֵיין אַלְטֶער אוּנ דִיא הָאר (דִיא וָואלֶע) זַיינֶע הָאט זִיךְ גֶשְׁלֶעפְּט בִּיז אוֹיף דִיא עֶרְד (רָאָהוּ קַסְדּוֹר אֶחָד) הָאט אַשַׂר אִים גֶעזֶעהְן (אָמַר מָה טִיבוֹ שֶׁל זֶה) הָאט דֶער שַׂר גֶפְרֶעגְט וָואס אִיז מִיט דֶעם שֶׁעפְּס. פַאר וָואס שֶׁערְט מֶען נִיט זַיינֶע וָואל. אוּנ עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַלְט (אָמְרוּ לוֹ) הָאט מֶען גֶזָאגְט צוּם שַׂר (בְּכוֹר הוּא) דֶער שֶׁעפְּס אִיז אַבְּכוֹר (וְאֵינוֹ נִשְׁחָט אֶלָּא אִם כֵּן הָיָה בּוֹ מוּם) אוּנ מֶען טָאר אִים אַנְדֶערְשׁ נִיט שֶׁעכְטִין סַיידִין עֶר וֶועט בֶּעקוּמֶען

לכוקין כל כך: פגיון. סכין שיש לו שתי פיות קרוי פגיון: והתירוהו. אע"פ שהנכרי נתכוין להטיל בו מום. כיון דשלא מדעת ישראל עשה בלא נתכוין לעשות נחת רוח לישראל: ראה שהתירו והלך וצרם באזני בכורות אחרים. כדי לעשות נ"ר לישראל. נעשה כאילו אמר לו ישראל שיעשהו ואסור: היו תינוקות משחקים. ואריכא לאשמועינן קסדור נכרי ותינוקות. דאי אשמועינן קסדור הוה אמינא בנכרי הוא דשרי דליכא למגזר דלמא אתי למסרך וללמוד להטיל מום בקדשים דסרכיה דנכרי לא אכפת לן. שהרי נהוג הוא באיסורין. אבל קטן דלאו שריה ליה אתי למסרך ואימא לא. ואי אשמועינן תינוקות הוה אמינא תינוק הוא דשרו רבנן. דמאן דחזי לא אתי למימר כמו אי הוה שרי בית גדול מומא הוה משתרי. דקטן בגדול לא מחלף. אבל נכרי גדול דאתי לאחלופי בגדו ישראל אימא לא צריכא: כל שהוא לדעתו אסור. לאתויי גרמא כגון שמוליך הבהמה במקום שיש בו ברזל כדי שתכשל בו ויפול בו מום: ושלא לדעתו מותר. לאתויי אם היה ישראל מסיח לפי תומו ואומר בפני הנכרי בכור זה אם נפל בו מום היינו אוכלים אותו. ושמע

נטל פגיון וצרם באזנו. ובא מעשה לפני חכמים והתירוהו. ראה שהתירו והלך וצרם באזני בכורות אחרים. ואסרו. פעם אחת היו תינוקות משחקין בשדה. וקשרו זנבות טלאים זה לזה. ונפסקה זנבו של אחד מהם והרי הוא בכור. ובא מעשה לפני חכמים והתירוהו. ראו שהתירו. והלכו וקשרו זנבות בכורות אחרים. ואסרו. זה הכלל כל שהוא לדעתו אסור.

ושלא

---

במנה צורי) דיא אלע טאלערס זאל מען וועגן אויף דיא הייליגע וואג. וויא זאלין זיין אזעלכע טאלערס וויא עס איז אין דיא מדינה צור (וכולם נפדין בכסף ובשוה כסף) דיא אלע זאכין וואס מען דארף אויס לייזן. מעג מען אויס לייזן מיט וואלפערע טאלערס אונ מיט אזעלכע זאכין וואס זעגען ווערט געלט (חוץ מן השקלים) נאר אז מען גיט אמחצית השקל. מוז מען געבין אזילבערנע מטבע. אונ מען טאר ניט געבין אזעלכע זאכין וואס זעגען ווערט געלט: ח (אין פודין) מען טאר ניט אויס לייזן אבכור (לא בעבדים) מען טאר ניט געבין פאר דעם בכור אקנעכט אדינסט (ולא בשטרות) אונ אויב דער פאטער פון בכור האט אוועקסיל אויף איינעם אויף פינף טאלער. אונ ער האט געגעבין דעם וועקסיל צום כהן ער זאל אפ נעמען דיא פינף טאלער פאר דעם בכור. איז נאך דער בכור ניט אויס געלייזט (ולא בקרקעות) אונ אויב ער גיט אשטיקיל פעלד וואס איז ווערט פינף טאלער צום כהן פאר דעם בכור. איז נאך דער בכור ניט אויס געלייזט (ולא בהקדשות) אונ אז מען דארף אויס לייזן הייליגע זאכין פון בית המקדש. וויא זאלין ווערין חולין. קען מען זיי ניט אויס לייזן ניט מיט קנעכט אונ ניט מיט וועקסלען אונ ניט מיט פעלדער. נאר מיט געלט אדער מיט אנדערע זאכין וואס זעגען ווערט געלט (כתב לכהן שהוא חייב לו חמש סלעים) אויב דער פאטער האט געשריבען אויף אפאפיר אז ער איז שולדיג צום כהן פינף טאלער אויס צו לייזן געלט פאר זיין בכור (חייב ליתן לו ובנו אינו פדוי) מוז ער געבין צום כהן דיא פינף טאלער. אונ דער בכור איז ניט אויס געלייזט. נאר ער מוז אים געבין נאך אמאהל פינף טאלער אויס צו לייזן דעם בכור (לפיכך) דריבער ווייל מיר זאגין אז ער מוז אים געבין נאך אמאהל פינף טאלער (אם רצה הכהן ליתן לו מתנה) אויב דער כהן ווער נאך וויא ער האט שוין גענומען דיא פינף טאלער) ווי ער זייא אים צוריק שיקען

רצה הכהן ליתן לו מתנה. רשאי. המפריש פדיון בנו ואבד. חייב באחריותו שנאמר (במדבר יח) יהיה לך ופדה תפדה: ט הבכור נוטל פי שנים בנכסי האב. ואינו נוטל פי שנים בנכסי האם. ואינו נוטל פי שנים בשבח. ולא בראוי כבמוחזק. ולא האשה בכתובתה.

תקנה אחרת ליכא ואע"פ שהכהן רשאי להחזיר וליתן החמש סלעים במתנה לאבי הבכור. אם דעת אבי הבן סומכת בוודאי שיחזיר לו הכהן החמש סלעים אין הבן פדוי. בין החזיר הכהן בין לא החזיר. כך נראה מן הגמ': שנא' יהיה לך ופדה תפדה. כשיהיה לך הפדיון אז בנו פדוי והאי קרא לאהרן נאמר: ט ולא בנכסי האם. נכסי מלוג של האם. דכתיב (דברים כא) כי הוא ראשית אונו לו משפט הבכורה. משמע דאדידיה קאי. כלומר בנכסי משפט הבכורה ולא בנכסי אמהו: ואינו נוטל פי שנים בשבח. אם השביחו הנכסים לאחר מיתת האב קודם שחלקו. אין הבכור נוטל פי שנים בשבח אלא שמין את הנכסים מה שהן שוין בשעת מיתת אביהן והבכור נוטל פי שנים בהן בלבד. שנאמר (שם) בכל אשר ימצא לו לאב בשעת מיתה: בראוי. בנכסים שלא היה אביהן מוחזק בשעת מיתתו. אבל ראוין היו ליפול לו בירושה ונפלו להן לאחר זמן אין הבכור נוטל בהן פי שנים: ולא האשה בכתובתה. בשבח שהשביחו אם אין שוין הנכסים בשעת מיתת בעלה כדי שיעור כתובתה ואח"כ השביחו. אינה נוטלת כתובתה. אלא כמה שהיו שוין. ואע"ג דבעלמא ב"ח גובה השבח. מקולי כתובה שנו כאן וכן אינה נוטלת בראוי כבמוחזק:

רשאי) מעג ער (המפריש פדיון בנו ואבד) אויב איינער האט אוועק געלייגט פינף טאלער ער זאל מיט זיא אויס לייזין זיין זוהן דעם בכור. אונ דיא פינף טאלער זענען פאר לארין געווארין (חייב באחריותו) דארף ער געבין אנדערע פינף טאלער (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (יהיה לך ופדה תפדה) אויב דער כהן וועט האבין דיא פינף טאלער. וועט דער בכור זיין אויס געלייזט. אונ אז דער כהן האט נאך ניט דיא פינף טאלער. איז נאך דער בכור ניט אויס געלייזט: ט (הבכור נוטל פי שנים בנכסי האב) אויב דער בכור מיט נאך ברידער קומען ירשנן זייער פאטער. נעמט דער בכור צוויא חלקים (ואינו נוטל פי שנים בנכסי האם) אבער אז דער בכור מיט נאך ברידער קומען ירשנן זייער מוטער. נעמט ניט דער בכור צוויא חלקים. נאר אלע ברידער טיילין זיך גלייך (ואינו נוטל פי שנים בשבח) אויב דאס פאר מעגין וואס דער פאטער האט געלאזין ווען ער איז געשטארבין. איז למשל ווערט געוועזן הונדערט רובל אונ איצט ווען זיי קומען צו טיילין איז ווערט הונדערט מיט פופציג רובל. נעמט נאר דער בכור צוויא חלקים פון דיא הונדערט רובל. אבער פון די פופציג רובל נעמט ער ניט קיין צוויא חלקים. נאר מיט דיא פופציג רובל טיילין זיך אלע ברידער גלייך (ולא בראוי כבמוחזק) פון דעם פר מעגין וואס עס איז דא אין שטוב ווען דר פאטר שטארבט. נעמט דר בכור צוויי חלקים. אבר פון דעם פר מעגין וואס עס קומט צו די קינדער נאך דעם פאטערס טויט. דהיינו מען נעמט אפ דעם פאטערס חובות נאך דעם פאטערס טויט. פון דיא געלט נעמט ניט דר בכור צוויא חלקים. נאר אלע ברידער טיילין זיך גלייך (ולא האשה בכתובתה) א אשה וואס מאנט דיא כתובה נאך איר מאנס טויט למשל איז הונדערט רובל אונ דאס פארמעגין וואס איז געבליבען אין שטוב ווען דער מאן איז געשטארבין איז נאר ווערט געוועזן זיבעציג רובל. אבער איצט איז דאס פאר מעגין פאר בעסערט געווארין אונ עס איז ווערט הונדערט רובל. אדער מען האט אפ גענומען דעם מאנס חובות. אונ איצט איז שוין דא הונדערט רובל. פון דעסטוועגן נעמט

האשה בכתובתה. ולא הבנות במזונותיהן. ולא היבם. וכולן אין נוטלין בשבח ולא בראוי כבמוחזק: י אלו שאינן חוזרין ביובל. הבכורה.

ולא הבנות. שנוטלות מזונות לאחר מיתת אביהן בתנאי כתובה ובנן נוקבן די יהוויין ליכי מנאי יהויין יתבן בביתי ומתזנן מנכסאי לא מן השבח שהשביחו הנכסים ולא מן הראוי לבוא לאחר מיתה כיון דמזונות הבנות מתנאי כתובה הן ככתובה דמו: ולא היבם. שנוטל חלק המת שיבם את אשתו אינו נוטל חלק אחיו לא מן השבח ולא מן הראוי לבא מאי טעמא דבכור קרייה רחמנא (דברים כה) והיה הבכור אשר תלד כבכור מה בכור אינו נוטל בשבח ולא בראוי לבוא. אף יבם אינו נוטל לא בשבח ולא בראוי לבוא: וכולן אין נוטלין בשבח. הכי תנא ליה לאתויי שבחא דממילא כגון תבואה שהיתה שחת כשמת אביו ועכשיו נעשו שבולים. או תמרים כמדר ונעשו עכשיו תמרים גדולים. דאי מרישא ה"א כי אין בכור נוטל פי שנים בשבח ה"מ בשבח שהשביחו אחיו כגון זבל שדות וקשקוש ועדור: ולא בראוי כבמוחזק. לאתויי אם היה אביהם חי בשעת מיתת אביהם והיו נכסים ראויים ליפול להם כשימות. אע"ג דודאי עתידים ליפול להם ואפילו יש לו בן אחר יטלו אלו חלק אביהן וסד"א דכמוחזק דמי קמ"ל. דאי מרישא ה"א ראוי דקתני רישא שאין הבכור נוטל בו. כגון שנפלו להן נכסי אחי אביהן שלא היו לו בנים בשעת מיתת אביהן. ואין ראוין אלא מספק דשמא לא יהיה לו זרע: י הבכורה. אינה חוזרת ביובל דכתיב (שם כא) פי שנים מקיש שני חלקיו זה לזה מה חלק פשיטותו אינה חוזרת ביובל דירושה היא כדכתיב (שם) והיה ביום

---

נאר די אשה זיבעציג רובל אזוי ווי עס איז געוועזן ווען דער מאן איז געשטארבן (ולא הבנות במזונותיהן) אז דער פאטער שטארבט און די טעכטער קומען מען זאל זיא געבן עסן ביז צו זייער חתונה (אזוי ווי עס שטייט אין דיא כתובה) גיט מען זיא נאר פון דעם פאר מעגין וואס עס איז געבליבען אין שטוב ווען דער פאטער איז געשטארבן. אבער דר פון וואס דער פאר מעגין איז איצט מער ווערט ווי פריער. אדער פון דעם פאטערס חובות וואס מען האט אפ גינומען נאך דעם פאטערס טויט. געמען זיא ניט (ולא היבם) אויב איינער (יעקב) האט גיהאט דרייא זיהן ראובן שמעון לוי און יעקב איז געשטארבן. און איידער דיא דרייא זיהן האבן זיך צו טיילט מיט דיא ירושה. איז ראובן אויך געשטארבן אן קינדער. און שמעון האט מיבם געוועזן חתונה גיהאט מיט ראובנס ווייב. דער נאך אז שמעון וויל זיך צו טיילין מיט לוי מיט דיא ירושה פון זייער פאטער יעקב. דארף שמעון נעמען צוויי חלקים. זיין חלק און דעם חלק פון ראובן. און לוי נעמט נאר איין חלק. אבער נאר פון דעם פאר מעגין וואס עס איז געוועזן אין שטוב ווען ראובן איז געשטארבן. אבער מיט דעם וואס דער פאר מעגין איז פון ראובנס טויט ביז איצט מער ווערט ווי פריער. אדער מיט דעם פאטערס חובות וואס מען האט אפ גינומען נאך דעם ווי ראובן איז געשטארבן. געמט שמעון מיט לוי גלייכע חלקים. שמעון נעמט העלפט און לוי נעמט העלפט (וכולם אין נוטלין בשבח) דיא אלע וואס זענען גירעכונט אין דיא משנה נעמען ניט אפילו וואס עס איז פאר בעסערט געווארין פון זיך אליין (ולא בראוי כבמוחזק) און זיא נעמען ניט קיין חלק אין דיא זאכן וואס עס קומט נאך זייער פאטערס טויט. אזוי ווי זיא נעמען אין דיא זאכן וואס עס איז שוין דא וועיין בהרע"ב: י (אלו שאין חוזרין ביובל) דיא זאכן גיט מען ניט צוריק אום יובל (הבכורה) דיא צווייא חלקים ירושה וואס דער בכור

והיורש את אשתו. והמיבם את אשת אחיו. והמתנה. דברי ר״מ. וחכ״א מתנה כמכר. ר״א אומר כלן חוזרין ביובל. רבי יוחנן בן ברוקה אומר היורש את אשתו יחזיר לבני משפחה וינכה להם מן הדמים:

ביום שנחלו את בניו אף חלק בכורתו ירושה: והיורש את אשתו. דהאי תנא סבר דאורייתא היא לשארו הקרוב אליו ממשפחתו וירש אותה (במדבר כז) מכאן שהבעל יורש את אשתו: והמיבם את אשת אחיו. ונטל חלק אחיו ירושה גמורה היא ואינו מחזיר לשאר אחיו ביובל דבכור קרייה רחמנא והיה הבכור והבכורה אינה חוזרת ביובל כדלעיל: והמתנ׳ דברי ר״מ. דמכר הוא דאמר רחמנא להדר ביובל ירושה ומתנה לא: וחכ״א מתנה כמכר. דכתיב (ויקרא כה) בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו וקרא יתירא הוא דהא כבר נאמר (שם) ושבתם איש אל אחוזתו אלא לרבות את המתנה הוא דאתא: ר״א אומר כלן חוזרין ביובל. סבר לה כרבנן דאמרי תשובו לרבות את המתנה והני כולהו מתנה נינהו בכור לתת לו פי שנים מתנה קרייה רחמנא והיורש את אשתו ירושת הבעל דרבנן והמיבם את אשת אחיו בכור קריי׳ רחמנ׳ מה בכור׳ מוחלת אף יבם מוחל: היור׳ את אשתו יחזיר לבני משפחה. ר״י בן ברוקה ס״ל ירוש׳ הבעל את אשתו דאוריי׳ היא והב״ע כגון שהורישתו אשתו בית הקברות ומשום פגם משפחה אמרו רבנן לשקול דמי ולהדר הקברות לבני משפחה: וינכה להם מן הדמים. דמי קבר אשתו דהוא מיהא חייב בקבורתה והל׳ כחכמים דמתנה כמכר וכרבי יוחנן בן ברוקה דבעל שהורישתו אשתו בה״ק שקיל דמי ומהדר

---

נעמט. בלייבט ביא אים אויף אייביג. אונ ער דארף ניט צוריק געבין אום יובל (והיורש את אשתו) אז אמאן ירשת זיין ווייב בלייבט ביא אים די ירושה אויף אייביג. אונ ער דארף ניט צוריק געבין אום יובל (והמיבם את אשת אחיו) אז ער איז מיבם זיין ברודערס ווייב. אונ ער נעמט צו דאס פארמעגין פון זיין ברודער. בלייבט ביי אים די ירושה אויף אייביג. אונ ער דארף ניט צוריק געבין אום יובל (והמתנה) אז איינער שיינקט דעם אנדערין אפעלד אדער אשטוב. בלייבט די מתנה ביא אים אויף אייביג. אונ ער דארף ניט צוריק געבין אום יובל (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (מתנה כמכר) שיינקען איז גלייך וויא פאר קויפין. אזוי וויא אז איינער פאר קויפט אזאך איז דאס נאר פאר קויפט ביז יובל. אונ אז עס קומט יובל מוז מען אים צוריק געבין. אזוי אז איינער שיינקט אזאך. איז דאס נאר גישיינקט ביז יובל. אונ אז עס קומט יובל מוז מען אים צוריק געבין. רבי אליעזר זאגט (כולן חוזרין ביובל) די אלע מענטשין מוזין צוריק געבין אום יובל וואס זיא האבין גינומען. דער בכור מוז זיין חלק צוריק געבין צו די ברידער אום יובל. אונ ער מיט די ברידער צו טיילין זיך מיט דעם חלק. דער מאן וואס ירשת אווייב אז עס קומט יובל מוז ער צוריק געבין די ירושה צו איהרע יורשים. אונ אז איינער איז מיבם זיין ברודערס ווייב אונ ער נעמט זיין ברודערס פאר מעגין. אז עס קומט יובל מוז ער אוועק געבין דאס פאר מעגין צו די וואס דארפין אים ירשנן. אונ אז איינער שיינקט אזאך צו זיין חבר. איז דאס נאר גישיינקט ביז יובל. אונ אז עס קומט יובל מוז ער אים צוריק געבין. רבי יוחנן בן ברוקה זאגט (היורש את אשתו) אז איינער האט גירשת פון זיין ווייב אבית הקברות (פאר צייטין האט יעדער משפחה גיהאט אבזונדער בית הקברות) (יחזיר לבני משפחה) מוז ער דעם בית הקברות צוריק געבין צו די משפחה. נאר די משפחת מוזין אים בצאהלין וויא וויפיל דער בית הקברות איז ווערט (וינכה להם מן הדמים) נאר

בית הקברות לבני משפחה. ומנכה להם מן בלא מום: אבל לא במוקדשין. כגון קדשים
הדמים דמי קבר אחתו: קלים. דאיכא למ"ד ממון בעלים נינהו הד"א
פרק ט **מעשר** בהמה. כל אשר יעבור ליעשר. קמ"ל והיה קדש אמר רחמנא ולא
תחת השבט העשירי שכבר קדוש: בכבשים ועזים. כלומר ונוהג
בכבשים ובעזים:

יהיה קדש. ומקריבים חלבו ודמו. והבשר נאכל לבעלים טהורים בירושלים כדקדשים. ואם בעל מום הוא אוכלים אותו בטומאה בכ"מ: בפני הבית ושלא בפני הבית. והאידנא אמור רבנן. דלא ליפרשו מעשר

פ"ט **מעשר** בהמה נוהג בארץ ובח"ל. בפני הבית ושלא בפני הבית. בחולין אבל לא במוקדשין. ונוהג בבקר ובצאן. ואינן מתעשרים מזה על זה. בכבשים ובעזים. ומתעשרין מזה על זה. בחדש ובישן. ואינן מתעשרין מזה על זה. שהיה בדין מה אם החדש והישן שאינן כלאים זה בזה. אין מתעשרין

מתעשרין מזה על זה. מדרבי רחמנא ולאן. דמשמע כל לאן מין אחד חשיב ליה לענין מעשר: בחדש. שנולדו לאחר ר"ח אלול. שהוא ר"ה למעשר בהמה וכישן שנולדו קודם אלול: ואין מתעשרין מזה ע"ז.

בהמה משום תקלה. דאין לנו בית להקריבה. מן החדש על הישן. ומן הישן על החדש דכתיב וצריך להניח עד שתפול בה מום. ואתי בה עשר תעשר בשתי מעשרות הכתוב מדבר אחד לידי תקלה דגיזה ועבודה. או שמא ישהנה מעשר בהמה ואחד מעשר דגן מה מעשר דגן

---

ער זאל זיא אפ רעכענען פון דיא געלט וויא פיל דער קבר פון זיין ווייב איז ווערט. וואראום
ער וואלט דאך גידארפט קויפן פון אירעטוועגין א קבר:

פרק ט א (מעשר בהמה נוהג בארץ ובחוץ לארץ) יעדר מענטש דארף צייהלען זיינע בהמות
איינציגווייס. אונ יעדער צעהנטער זאל זיין הייליג. סייא אין ארץ ישראל
אונ סייאין הויז לארץ (בפני הבית ושלא בפני הבית) סייא ווען דער בית המקדש איז דא
אונ סייא ווען דער בית המקדש איז ניטא (בחולין אבל לא במוקדשין) פראסטע בהמות
מעשרת מען. אבער ניט קרבנות (ונוהג בבקר ובצאן) מען דארף מעשרין רינדער אונ
שעפסין (ואינן מתעשרין מזה על זה) אונ מען מעשרת ניט פון איינס אויף דאס אנדערע.
מען מוז צייהלין צעהן רינדער בזונדער אונ צעהן שעפסין בזונדער. אונ אויב ער האט ניט
קיין צעהן רינדער אדער ער האט ניט קיין צעהן שעפסין אפילו דיא רינדער מיט דיא
שעפסין צו זאמען איז דא צעהן. פון דעסטוועגין מעשרת מען זייא ניט (בכבשים ובעזים)
מען דארף מעשרין שעפסין אונ ציגען (ומתעשרין מזה על זה) אונ מען מעג מעשרין פון
איינס אויף דאס אנדערע. אויב עס זענען דא עטליכע שעפסין אונ עטליכע ציגן.
צו זאמען איז צעהן. צייהלט מען זייא פון איינס ביז צעהן אונ דער צעהנטער איז הייליג
(בחדש ובישן) מען דארף מעשרין נייע בהמות אונ אלטע בהמות (דיא בהמות וואס
ווערין געבארין פר ראש חודש אלול הייסין אלטע. אונ די בהמות וואס ווערין געבארין נאך
ראש חודש אלול הייסין נייע) (ואין מתעשרין מזה על זה) אונ מען מעשרת ניט פון איינס
אויף דאס אנדערע מען מוז צייהלן צעהן נייע בהמות בזונדר. אונ צעהן אלטע בהמות בזונדר.
אונ אויב ער האט ניט קיין צעהן נייע בהמות. אדער ער האט ניט קיין צעהן אלטע
בהמות. אפילו צו זאמן אלטע מיט נייע הט ער יא צעהן בהמות. פון דעסטוועגן מעשרת
מען זיי ניט (שהיה בדין) דער דין וואלט ניט גדארפט אזו זיין (מה אם החדש והישן) סאדאך נייע
בהמות מיט אלטע (שאינן כלאים זה בזה) וואס זייא זענען ניט קיין צוויי מינים. נאר איין

מזה על זה. הכבשים והעזים. שהם כלאים זה בזה. אינו דין שלא יתעשרו מזה על זה. ת"ל (ויקרא כז) וצאן. משמע כל צאן אחד: ב מעשר בהמה מצטרף כמלא רגל בהמה רועה. וכמה היא רגל בהמה רועה. ששה עשר מיל. היה בין אלו לאלו שלשים ושנים מיל. אינן מצטרפין. היה לו באמצע. מביא

מחדש על סימן לא. דהא כתיב שנה שנה. פטורות. דאמר קרא (ירמיה לג) תעבורנה דמשמע ולא משנה זו על שנה אחרת. אף הצאן ע"י מונה משמע אם יכולות לבהמות מעשר בהמה מחדש על סימן לא: ב כמלוא ברועה אחד מקרי צאן. ותעבורנה תחת רגל בהמה רועה. כמו שיכולות להשתמר שבע להתעשר ואי לא לא: שלשים ושנים

ברועה א' כשהבהמות רועות מתרחקות זו מזו והיינו ט"ז מיל דהכי שלטא עינא דרועה ואם יש לו הבהמות בכפר זה והמה בכפר אחר רחוק זה מזה ט"ז מיל מביאן לתוך דיר אחד ומעשרן. ואם רחוקות יותר

מיל אינן מצטרפין. משום דבעי למהוי בסמוך. שאם היה לו עדר באמצע אותן שהאמצעיות מצטרפות את הצדדים. לפיכך אע"פ שאם הצדדים רחוקות זו מזו שלשים ושנים מיל. אין האמצעי מצרפן: מביא ומעשר

מין (אין מתעשרין מזה על זה) פון דעסטוועגן טאר מען ניט מעשרן פון איינס אויף דאס אנדערע (הכבשים והעזים) שעפסין מיט ציגען (שהם כלאים זה בזה) וואס זייא זענען צווייא מינים (אינו דין שלא יתעשרו מזה על זה) איז דען ניט געווים אז דער דין דארף זיין מען זאל ניט מעשרן פון איינס אויף דאס אנדערע (תלמוד לומר וצאן) שטייט אין פסוק „וצאן" אונ שעפסין (משמע כל צאן אחד) מיינט מען אלע שעפסין זענען איינס. שעפסין אונ ציגען איז איינס. צוא מעשרן פון איינס אויף דם אנדערע: ב (מעשר בהמה מצטרף כמלא רגל בהמה רועה) אז דיא בהמות זענען פאר שפרייט אויף דיא פעלד אזוי וויא זייא פיטערן זיך. אונ איין פאסטוך קען זייא היטען. איז גלייך וויא זייא וואלטין גישטאנען איינס בייא דאס אנדערע. דארף מען זייא מעשרן (וכמה היא רגל בהמה רועה) וויא וויט זענען פאר שפרייט דיא בהמות וואס פיטערן זיך אויף דיא פעלד (ששה עשר מיל) זעכצעהן תחום שבת. אזוי וויט קען איין פאסטוך אכטונג געבין אויף זייא. אויב פינף בהמות זענען אין איין דארף. אונ פינף בהמות זענען אין אנדערין דארף. אונ פון איין דארף צום אנדערין איז וויט זעכצעהן תחום שבת. מוז ער נעמען אלע צעהן בהמות אין איין שטאל. אונ מעשרת זייא. אבער אז פון איין דארף צום אנדערין איז ווייטער וויא זעכצעהן תחום שבת. דארף מען זייא ניט מעשרן (היה בין אלו לאלו שלשים ושנים מיל) אויב פון איין דארף צום אנדערין דארף איז וויט צווייא אונ דרייסיג תחום שבת. אונ אין דעם דארף איז דא פינף בהמות. אונ אין דעם אנדערין דארף איז דא פינף בהמות. אפילו דער פאסטוך שטייט אין מיטען. איז פון פאסטוך צוא דעם דארף וויט זעכצעהן תחום שבת אונ צוא דעם דארף איז אויך וויט זעכצעהן תחום שבת. נאר וויל פון די פינף בהמות ביז צוא דיא פינף בהמות איז וויט מער וויא זעכצעהן תחום שבת (אינן מצטרפין) דארף מען ניט צו זאמען נעמען דיא בהמות אויף איין ארט מען זאל זייא מעשרן. נאר זייא זענען פטור פון מעשר (היה לו באמצע) אבער אז ער האט שעפסין אין מיטען דיא צווייא אונ דרייסיג תחום שבת. אז מען וועט רעכענען דיא שעפסין וואס שטייען אין מיטען מיט דיא שעפסין וואס אין דער זייט. וועט זיין צעהן. אונ אז מען וועט רעכענען דיא שעפסין וואס שטייען אין מיטען מיט דיא שעפסין וואס אין דר זייט. וועט אוך זיין צעהן (מביא ומעשרן באמצע) זאל מען צו זאמען ברייננען דיא שעפסין אין מיטען אונ מען זאל

ומעשרן באמצע. רבי מאיר אומר. הירדן מפסיק למעשר בהמה: ג הלקוח או שניתן לו מתנה. פטור ממעשר בהמה. האחים השותפין שחייבין בקלבון פטורי' ממעשר בהמה. ושחייבין

באמצע לאו [מביא] באמצע ממש קאמר: הירדן מפסיק. שאם היו לו חמש בהמות מכאן וחמש בהמות מכאן וירדן באמצע. אין מצטרפין ופטורות ואין הלכה כר"מ: ג הלקוח או שניתן לו מתנה פטור ממעשר בהמה. בגמ' ילפינן ליה מדכתיב (שמות כב) בכור בניך תתן לי כן תעשה לשורך לצאנך מה בניך אינה בלקיחה ומתנה. דלא שייך בהו לקיחה ומתנה אלא אלו שנולדו. אף צאנך ובקרך. אין בלקוח ומתנה. ואע"ג דהאי קרא בבכור הוא דכתיב ואנן ילפינן מעשר מיניה. היינו משום דכתיב כן תעשה לשורך. ועשיה ודאי לא מצית מוקמא בבכור. דהאי מרחם קדיש. ולא בעי עשיה שיקדישנו האדם. אם אינו לבכור תנהו ענין למעשר בהמה: האחים השותפים. האחים שחלקו בירושת אביהן ואח"כ נשתתפו: כשחייבין בקלבון. כשמביאין שקליהן מביאין שני חצאי שקלים ונותנים ב' קלבונות והקלבון הוא ל' הכרע שחייבין להכריע שקליהן. ואם נתנו בין שניהם שקל שלם נותנים שני קלבונות שה"ה להם לשקול לחצאין: ופטורים ממעשר בהמה. מכל שנולדים להם כל ימי השותפות. בשותפות פוטר ממעשר בהמה דכתיב אשר יהיה לך ולא של שותפות. ואע"ג דהאי קרא בבכור הוא דכתיב אם אינו לבכור דהא שמעינן דאיתיה בשותפות דכתיב (דברים יב) ובכורות בקרכם וצאנכם. תנהו ענין למעשר בהמה: וכשחייבין במעשר בהמה כגון אם לא חלקו מעולם שתפוסת הבית קיימת דהיינו שירושת אביהן עומדת חייבין במעשר בהמה לעשר שנולדים להם כל ימי שותפותם דהכי אמרי' בברי' יכול אפילו קנו בתפוסת הבית. ת"ל

---

זיא מעשרין ואוג ניט נאר אין מיטען. נאר עס זאל זיין צעהן אין איין שטאלו. רבי מאיר זאגט (הירדן מפסיק למעשר בהמה) אויב איינער האט פינף שעפסין אויף דער זייט ירדן. אונ פינף שעפסין אויף דער זייט ירדן. דארף מען זיא ניט מעשרין: ג (הלקוח או שניתן לו מתנה פטור ממעשר בהמה) אז איינער האט גיקויפטע בהמות. אדער מען האט זיי אים גישיינקט. דארף ער זיא ניט מעשרין (האחים השותפים) צוויא ברידער וואס האבין גירשת זייער פאטער אונ זענען שותפים אין דער ירושה. איז דער דין אזוי. אויב זיא האבין פריער דיא ירושה צוא טיילט. יעדער האט גינומען זיין חלק. דער נאך זענען זיא גיווארין שותפים (שחייבים בקלבון) אז זיא קומען געבין אמחצית השקל. דארף יעדער בזונדער געבין אמחצית השקל (אהאלבין טאלער) אונ נאך אקליינע מטבע דאס הייסט קלבון. ווען זיא געבין צוויא האלבע טא. ערס מיט צוויא קלבונות. אונ אז זיא גיבען פאר ביידע אגאנצין טאלער. דארפין זיא אויך געבין צוויא קלבונות. ווייל זיא דארפין ניט געבין אגאנצין טאלער נאר צוויא האלבע. וואָרום דער נאך וויא זיא האבין צוא טיילט דיא ירושה. זענען זיא גלייך וויא צוויא פרעמדע מענטשין וואלטין גימאכט שותפות (פטורין ממעשר בהמה) אונ דיא אלע בהמות וואס וועלין גיבארין ווערין אין שותפות. דארף מען זיא ניט מעשרין. וואָרום שותפותדיגע בהמות דארף מען ניט מעשרין. אבער אז דיא ברידער האבין דיא ירושה ניט צוא טיילט. נאר אזוי וויא עס איז געבליבען פון פאטער אזוי לעבין זיא אין שותפות. איז גלייך וויא דער פאטער וואלט נאך גילעבט. אונ זיא עסין פון דעם פאטערס פאר מעגין. ניט פון זייער פאר מעגין. דריבער (ושחייבין במעשר בהמה) דארפין זיא מעשרין אלע בהמות וואס ווערט ביי זיא גיבארין. ווייל דאס הייסט ניט שותפותדיגע בהמות. נאר דאס הייסט זייער פאטערס

ושחייבין במעשר בהמה פטורין מן הקלבון. קנו מתפיסת הבית חייבין. אם לאו פטורין. חלקו וחזרו ונשתתפו. חייבין בקלבון ופטורין ממעשר בהמה:

ד הכל נכנס לדיר להתעשר. חוץ מן הכלאים. והטרפה. ויוצא דופן. ומחוסר זמן. ויתום. איזהו יתום כל שמתה אמו. או שנשחטה. רבי יהושע

יהיה דמשמע מכ"מ: פטורים מן הקלבון. נגמרי שהולקין בין שניהם שקל שלם. שממון האחים בחזקתו עומד והאב שוקל על בניו או על אחד מבני עירו ופוטר בשלו פטור מן הקלבון. דתנן בשקלים השוקל בשביל עני או בשביל שכנו. או בשביל בן עירו פטור מן הקלבון. ובניו נמי אין מלוה שקליהם עניו והוי ליה כשכנו ובן עירו: קנו מתפוסת הבית חייבין. במעשר בהמה כדאמרי' ת"ל יהיה דמשמע מ"מ שיהיה. ובפירושי רבותי מצאתי. דהאי קנו לא שלקחו במעות. אלא שחלקו להם בהמות מירושת אביהם: חלקו וחזרו ונשתתפו. הוו כשותפים דעלמא: ופטורים ממעשר בהמה. וחייבין בקלבון: ד הכל נכנס לדיר להתעשר. הכל לאתויי רובע

ונרבע ומוקצה שהפרישוהו להקריבו לעבודת כוכבים ונעבד שעבדו הבהמה עצמה ואתנן זונה ומחיר כלב וטומטום ואנדרוגינוס. שכל אלו אע"פ שהם פסולים לקרבן נכנסין לדיר להתעשר דכיון דלא הקפידה תורה בבעל מום לגבי מעשר כדכתיב (ויקרא כז) לא יבקר בין טוב לרע. לא הקפידה נמי בכל הנך פסולין: חוץ מן הכלאים והטרפה ויוצא דופן כו'. דת"ר שור או כשב (ויקרא כב) פרט לכלאים דהיינו הבא מתיש ורחל. או עז פרט לנדמה. שבא מאיל ורחל דומה לעז. כי יולד פרט ליוצא דופן. והיה שבעת ימים פרט למחוסר זמן. תחת אמו פ"ט ליתום שמתה אמו כשילדתו. דכל הני פסולים לקדשים ומעשר בהמה יליף מקדשים בגזירה שוה נאמר כאן

בהמות (פטורין מן הקלבון) אונ אז זייא גיבען פון דיא ירושה געלט אמחצית השקל. דארף ניט געבין יעדער בזונדער אהאלבין טאלער. נאר זייא געבין צו זאמען אגאנצין טאלער. אונ זייא דארפין ניט געבין קיין קלבון. ווארום עס איז גלייך ווי א דער פאטער אליין וואלט גיגעבין פאר זייא דעם מחצית השקל. אונ אז אפאטער גיט אמחצית השקל פאר זיינע קינדער דארף ער ניט געבין קיין קלבון (קנו מתפוסת הבית חייבין) אויב זייא האבין גירשת בהמות פון זייער פאטער. דארפין זייא מעשרין דיא בהמות (אם לאו) אויב זייא האבין גיקויפט בהמות אפילו פון דיא ירושה געלט (פטורין) דארף מען זייא ניט מעשרין (חלקו וחזרו ונשתתפו) אויב זייא האבין צוא טיילט דיא ירושה. דער נאך האבין זייא גימאכט צוריק שותפות (חייבין בקלבון) ווען זייא גיבען אמחצית השקל דארפין זייא געבין צוויא קלבונות (ופטורין ממעשר בהמה) אונ דיא בהמות דארפין זייא ניט מעשרין אזוי ווייא פריער שטייטו: ד (הכל נכנס לדיר להתעשר) אלע בהמות ואפילו דיא וואס זענען פסול צוא אקרבן גייען אריין אין אשטאל צוא גימעשרת ווערין (חוץ מן הכלאים) אויב אזכר פון ציגען האט מזנה גיוועזן מיט אנקבה פון שעפסין. אדער פאר קערט דער זכר איז גיוועזן פון שעפסין אונ דיא נקבה פון ציגען. דאס קינד וואס ווערט פון זייא גיבארין גיהער ניט צוא מעשר (והטרפה) אונ אבהמה וואס קען ניט לעבין גיהער ניט צוא מעשר (ויוצא דופן) אויב מען האט אויף געשניטען דעם בויך פון אבהמה אונ מען האט ארויס גינומען אלעבעדיגע קאלב. דיא קאלב גיהער ניט צו מעשר (ומחוסר זמן) אונ דיא קאלב וואס איז נאך ניט אלט אכט טאג. גיהער זיא ניט צוא מעשר (ויתום) אונ איתום גיהער אויך ניט צוא מעשר (איזהו יתום) וועלכעס הייסט איתום (כל שמתה אמו) דיא קאלב ווס די מוטער

יהושע אומר. אפי' נשחטה אמו והשלח קיים אין זה יתום: **ה** שלש גרנות למעשר בהמה. בפרוס הפסח. בפרוס העצרת. בפרוס החג. דברי רבי עקיבא. בן עזאי אומר בעשרים ותשעה באדר. באחד בסיון. בעשרים ותשעה באב. ר' אליעזר ור' שמעון

(שם כו) התם השבע ויאמר להלן תחת אמו. מה להלן פרט לכל השמות הללו. אף כאן פרט לכל השמות הללו. וטרפה נמי אינה נכנסת לדיר להתעשר דכתיב (שם) כל אשר יעבור פרט לטרפה שאינה עוברת כגון שנחתכו רגליה מן הארכובה ולמעלה. שהיא אחד מן הטרפות וה״ה לכל שאר מיני טרפות: והשלח קיים. העור קיים תרגום והפשט ויהלת: אין זה יתום. לפי שים מקומות שכשהבהמה מתה מהמת לידה מפשיטין אותה ומלבישים בעורה את החיה [את הולד] כדי שיתחמם ומעלי ליה. כאילו היתה אמו חיה ואין הלכה כר' יהושע: **ה** שלש גרנות למעשר בהמה. בשלשה פרקים בשנה שהבהמות מתעשרות ולשון גרנות כתבואת גורן שהיא עבולה למעשר. ואין אוכלים ממנו עד שיעשרו. כך בג' פרקים הללו אין אוכלים מן הבהמה ולא מוכרים מהן עד שיעשרו אותן: פרוס הפסח. ט״ו יום קודם הפסח דהיינו יום אחרון של אדר. ולשון פרוס. פלגא. חלי הזמן. שהו לין

בהלכות הפסח דתניא שואלין בהל' הפסח קודם לפסח ל' יום. וכן פרוס עצרת ט״ו יום. וכן פרוס החג דהיינו יום אחרון של אלול וקבעו הכך תלתא זמני שיהיו קובעות למעשר בהמה כדי שיהיו בהמות מצויות לעולי רגלים דאע״ג דתקן במתני' שעד שלא הגיע מן הגורן מותר למכור ולשחוט דג״רן הוא הקובע למעשר אפ״ה לא בהטי להו איניש עד דמעשרין. דניחא ליה לאינש לקיומי מצוה בממונים בדבר שאין חסר בו כלום. כגון מעשר בהמה שהוא עצמו מקריב מעשר ואוכלו שלמים. ואם לא היו מעשרים בג' פרקים הללו היו הרבה נמנעים למכור. לפי שלא עשרו ולא היו בהמות מצויות לעולי רגלים: בן עזאי אומר בתשעה ועשרים באדר. דהיינו ט״ו יום קודם הפסח. אלא דר״ע סבר אדר הסמוך לניסן. פעמים חסר פעמים מלא וט״ו יום קודם הפסח פעמים מתחילים בתשעה ועשרים באדר. פעמים בל' באדר. הלכך לא קבע לי' זמן. ובן עזאי סבר אדר הסמוך לניסן לעולם

אירע איז ניפיינערט ווען זיא האט איר גיבארין (או שנשחטה) אדער זיא איז גישאכטין גיווארין ווען זיא האט איר גיבארין גיהער זיא אויך ניט צוא מעשר. רבי יהושע זאגט (אפילו נשחטה אמו והשלח קיים אין זה יתום) אפילו דיא מוטער איז גישאכטין גיווארין נאר אויב דיא פעל איז געבליבען. איז דיא קאלב ניט קיין יתום וואררום אז א בהמה פיינערט ווען זיא האט דאס קינד. ציהט מען אפ פון איר דיא פעל. אונ מען וויקלט איין דיא קאלב אין דיא פעל. ביז דיא קאלב ווערט דער ווארעמט. איז ביי דיא קאלב אזוי גלייך וויא דיא מוטער וואלט גילעבט. הייסט שוין ניט דיא קאלב איתום. מעג מען איר מקריב זיין פאר א קרבן. דריבער גיהער זיא צו מעשר:

**ה** (שלש גרנות למעשר בהמה) דרייא מאהל אין יאהר דארף מען מעשרין דיא בהמות. אונ ווען עס קומט דיא צייט צו מעשרין דיא בהמות. טאר מען ניט עסין פון זייא. אונ ניט פאר קויפין פון זייא. ביז מען מעשרת זייא (בפרוס הפסח) פופצעהן טעג פאר פסח (בפרוס העצרת) פופצעהן טעג פאר שבועות (בפרוס החג) פופצעהן טעג פאר סוכות (דברי רבי עקיבא) אזוי זאגט רבי עקיבא. בן עזאי זאגט (בעשרים ותשעה באדר) ניין אונ צוואנציג טעג אין אדר (באחד בסיון) ראש חודש סיון (בעשרים ותשעה באב) ניין אונ צוואנציג טעג אין אב. רבי אליעזר אונ רבי שמעון זאגין (באחד בניסן) ראש

חסר ותחלת פרוס הפסח הוי לעולם בכ"ט בלדר: באחד בסיון. מתוך שמיעוט בהמות יולדות מניסן ועד עלרת. אי מקדים ומעשר להו ט"ו יום קודם עלרת כלן יהיו נאכלין קודם עלרת ולא תהא בהמה מצויה לעולי רגלים: בכ"ט באב. בן עזאי לטעמיה. דאמר לקמן האלולין מתעשרין בפני עלמן. ואין מלטרפין עם אותן שנולדו קודם אלול דשמא בא׳ באלול ר"ה למעשר בהמה והוו להו חדש וישן ומספק ליה אימת הוי ר"ה או אלול אי תשרי. הלכך לא קבע זמן גורן של קייטי בכ"ט באלול דלא ליתי לצרופי הנולדים באלול בהדייהו: בא׳ בניסן. סברי כרשב"ג דאמר שואלים בהלכות הפסח קודם לפסח ב׳ שבתות. והיינו נמי בהלכות הפסח דמעשרים לבהמות כי היכי דלתחזו ברגל: בא׳ בסיון. כדאמרן טעמא דבן עזאי. לפי שמיעוט בהמות יולדות מניסן

ועד עלרת: ולא אמרו בא׳ בתשרי. ואע"ג דהוא יום שתי שבתות: מפני שהוא י"ט. הלא ועוד קאמר.. הלא משום דבעי הכירא בחדש וישן דבא׳ בתשרי הוא ר"ה למעשר ואע"ג דאתי לצרופי דתשרי בהדייהו דהא אכתי לא נולד שום טלה היום. ואי נולד מחוסר זמן הוא. אפ"ה לא מעשרינן ההוא יומא משום דבעי למעבד הכיר׳ בין חדש לישן. דלידעו היכא דלא לצרפו החדש עם הישן. ועוד מפני שהוא י"ט. משום שהקדשה לבע אדום שלובע בו העשירי כדי שיהא ניכר ואסור לצבוע ביום טוב: האלולין מתעשרין בפני עצמן. כדפירשנו לעיל דמספקא ליה אי הוי ר"ה למעשר בהמה א׳ באלול. או א׳ בתשרי הלכך אין מתעשרין האלולין עם הנולדים מתשרי ואילך. משום דלא לצטרפו ישן בחדש: כל הנולדים. הך סתמא כר׳ אליעזר ור"ש:

אומרים באחד בניסן באחד בסיון. בעשרים ותשעה באלול. ולמה אמרו. בעשרים ותשעה באלול. ולא אמרו בא׳ בתשרי. מפני שהוא יו"ט. ואי אפשר לעשר ביו"ט לפיכך הקדימוהו בעשרים ותשעה באלול. ר"מ אומר בא׳ באלול ר"ה למעשר בהמה. בן עזאי אומר האלולין מתעשרין בפני עצמן: ך כל הנולדים מאחד בתשרי

חודש ניסן (באחד בסיון) ראש חודש סיון (בעשרים ותשעה באלול) ניין און צוואנציג טעג אין אלול (ולמה אמרו בעשרים ותשעה באלול) פאר וואס האט מען גיזאגט ניין און צוואנציג טעג אין אלול (ולא אמרו באחד בתשרי) און מען האט ניט גיזאגט ראש חודש תשרי (מפני שהוא יום טוב) ווייל דער ערשטער טאג אין תשרי איז יום טוב. ראש השנה (ואי אפשר לעשר ביום טוב) און מען טאר ניט מעשרין אום יום טוב (לפיכך הקדימוהו בעשרים ותשעה באלול) דריבער האט מען גיזאגט מען זאל מעשרין מיט א טאג פריער. ניין און צוואנציג טעג אין אלול. רבי מאיר זאגט (באחד באלול ראש השנה למעשר בהמה) ראש חודש אלול איז אנהייב יאהר צו מעשרין בהמות. אז איינער האט פינף בהמות וואס זענען געבארין געווארין פאר ראש חודש אלול. און פינף בהמות וואס זענען געבארין געווארין נאך ראש חודש אלול. רעכענט מען ניט די צעהן בהמות צו זאמען מען זאל געבין פון זייא מעשר. נאר די פינף זענען באזונדער און די פינף זענען באזונדער. און זענען פטור פון מעשר. בן עזאי זאגט (האלולין מתעשרין בפני עצמן) די בהמות וואס ווערין געבארין פון ראש חודש אלול ביז ראש חודש תשרי. מעשרת מען זייא באזונדער. ווייל מען ווייס ניט ווען עס איז אנהייב יאהר. ראש חודש אלול אדער ראש חודש תשרי. דריבער רעכענט מען זייא ניט. ניט מיט די וואס זענען געבארין געווארין פאר ראש חודש אלול. און ניט מיט די וואס זענען געבארין געווארין נאך ראש חודש תשרי: ך (כל הנולדים מאחד בתשרי

עד עשרים ותשעה באלול הרי אלו מצט־פין. חמשה לפני ר"ה וחמשה לאחר ראש השנה אינן מצט־פ־ן. חמש' לפני הגורן וחמש' לאחר הגורן. הרי אלו מצט־פין. א"כ למה נאמר שו"ש ג־נות למעשר בהמה. שעד שלא הגיע הגורן מותר למכו' ולשחוט. הגיע הגורן לא ישחוט. ואם שחט פטור: ז כיצד מעשרין. כונסן לדיר ועושה להן פתח קטן. כדי שלא יהיו שנים יכולין לצאת כאחת. ומונה בשבט. אחד שנים שלשה ארבע חמשה ששה שבעה שמונה תש"ה יהיוצא עשירי סוקרו בסקרא. ואומר

חמשה לפני ר"ה. אגב דבעי למתני חמשה לפני הגורן וחמשה לאחר הגורן מלטרפין. תנא נמי הכי: לא ישחוט. שהגורן קבעו למעשר מדרבנן ואם שחט פטור והשמה שרי' באכילה. דלא השכחן בטבל דמעשר בהמה. לא לאו. ולא מיהה: ז לדיר. מקום מוקף אבנים.

עד עשרים ותשעה באלול) אלע בהמות וואס ווערין גיבארין פון ראש חודש תשרי ביז זיין אונ צוואנציג טעג אין אלול (הרי אלו מצטרפין) רעכונט מען צו זאמען אלע בהמות מען זאל געבין פון זייא מעשר (חמשה לפני ראש השנה) אויב ער האט פינף בהמות וואס זענען גיבארין גיווארין פאר ראש השנה ופאר ראש חודש תשרי. (וחמשה לאחר ראש השנה) אונ פינף בהמות האט ער וואס זענען גיבארין גיווארין נאך ראש השנה ונאך ראש חודש תשרי (אינן מצטרפין) רעכונט מען זייא ניט צו זאמען. נאר מען דארף זייא ניט מעשרין (חמשה לפני הגורן וחמשה לאחר הגורן) אויב ער האט פינף בהמות וואס זענען גיבארין גיווארין פאר דיא צייט וואס מען גיט מעשר פון בהמות אזוי וויא עס שטייט אין משנה ה) אונ פינף בהמות האט ער וואס זענען גיבארין גיווארין נאך דיא צייט וואס מען גיט מעשר פון בהמות (הרי אלו מצטרפין) רעכונט מען צוא זאמען דיא צעהן בהמות מען זאל געבין פון זייא מעשר (אם כן למה נאמר שלש גרנות למעשר בהמה) אויב אזוי. אז מען רעכונט צו זאמען דיא וואס זענען גיבארין גיווארין פאר דיא צייט וואס מען גיט מעשר פון בהמות. מיט דיא וואס זענען גיבארין גיווארין נאך דיא צייט וואס מען גיט מעשר פון בהמות. צו וואס האט מען אויס גיזעצט דרייא צייטין אין יאהר ווען מען זאל געבין מעשר פון בהמות. ענטפערט דיא משנה (שעד שלא הגיע הגורן מותר למכור ולשחוט) איידער עס קומט דיא צייט פון מעשרין מעג מען פאר קויפין דיא בהמות אונ מען מעג זייא שעכטין (הגיע הגורן לא ישחוט) אז עס קומט דיא צייט פון מעשרין טאר מען ניט שעכטין דיא בהמות ביז מען מעשרת זייא (ואם שחט פטור) אונ אויב ער האט גישאכטין איידער מען האט גימעשרת. מעג מען עסין דיא בהמה: ז (כיצד מעשרין) וויא אזוי מעשרת מען (כונסן לדיר ועושה להן פתח קטן) ער נעמט אריין דיא בהמות אין אשטאל אונ ער מאכט אשמאלע טיר (כדי שלא יהיו שנים יכולין לצאת כאחת) אז צווייא בהמות זאלין ניט קענען ארויס גיין מיט איין מאהל. זייא זאלין נאר מוזין גיין איינציגווייז (ומונה בשבט) אונ ער האלט ארוט אין האנט אונ ציילט (אחד שנים שלשה ארבעה חמשה ששה שבעה שמונה תשעה) איינס. צוויא. דרייא. פיר. פינף. זעקס. זיבען. אכט. ניין. (והיוצא עשירי סוקרו בסיקרא) אונ דיא בהמה וואס גייט ארויס צום צעהנטין זאל ער איר געבין אשמיין מיט דיא רוט וואס איז גיוועז גיפארבט מיט פארב (ואומר הרי זה מעשר) אונ ער זאל זאגין דיא בהמה זאל זיי מעשר. איז שוין אויף דיא בהמה געבליבע

הרי זה מעשר. לא סקרו בסק"א. ולא מנאם בשבט. או שמנאם רבוצים או עומדים. הרי אלו מעושרים. ה"ה לו מאה ונטל עשרה. עשרה ונטל אחד. אין זה מעשר. ר' יוסי ברבי יהודה א"מר ה"ז מעשר. קפץ (אחד) מן המנויין לתוכן הרי אלו פטורים. מן המעושרים לתוכן. כלן ירעו עד שיסתאבו ויאכלו במומן לבעלי': ח יצאו שנים כא'. מונה

או קנים שמכניסים בו הטלאן: היה לו מאה ונטל עשרה. בלא שום מנין: או עשרה. ונטל אחד בלא מנין: אין זה מעשר. דכתיב (ויקרא כז) העשירי יהיה קדש. ואין זה עשירי: ר' יוסי בר יהודה א"מר הרי זה מעשר. דסבר ר' יוסי כהא שהרו"ג וחרו"מ נטלים באומד ובמחשבה דכתיב (במדבר יח) ונחשב לכם תרומתכם במחשבה הויא תרומה כך מעשר ניטל באומד ובמחשבה דמעשר תרומה קרייה רחמנא. דכתיב (שם) כי את מעשר בני ישראל אשר ירימו לה' תרומה. ואתקש מעשר בהמה למעשר דגן. מה מעשר דגן ניטל במחשבה אף מעשר בהמה ניטל במחשבה ואין הלכה כר"י: קפץ אחר מן המנויין. שמנה עשר שיצאו מן הפתח ונטל העשירי ונפטרו התשעה וקפץ אחד מן התשעה להוך הדיר כל אותן שבדיר פטורים. אם אינו ניכר איזה הוא דשמא זה יצא עשירי והוא אינו ראוי לכך שבכר נפטר. אי נמי כל א' מהן ספק אם הוא מגוי כבר ונפטר וכל ספיקא לאו בר עשורי הוא: מן המעושרים. מן העשיריים שכבר קדשו קפץ אחד להוך הדיר הן כולהו ספק מעשר וירעו עד שיסתאבו דכל זמן שהן תמימים אסור לשוחטן בחוץ. ולאחר שיסתאבו יאכלו במומן לבעלים: ח ה ג יצאו שניה כא מונה אותן שנים שנים מנאן

דער גיפארבטער צייכין. האט מען געוואוסט אז דיא בהמה איז מעשר (לא סקרו בסיקרא) אז ער האט ניט גימאכט אויף דיא בהמה קיין גיפארבטין צייכין (ולא מנאם בשבט) אונ ער האט זייא ניט גיצייילט מיט א רוט (או שמנאם רבוצים) אדער ער האט זייא גיצייילט אזוי וויא זייא זענען גילעגין אויף דיא ערד (או עומדים) אדער ער האט זייא גיצייילט ווען זייא זענען גישטאנען. אונ צו יעדער צעהנטין האט ער גיזאגט ער זאל זיין מעשר (הרי אלו מעושרים) זענען זייא גימעשרת (היה לו מאה ונטל עשרה) אויב ער האט גיהאט הונדערט בהמות. האט ער גינומען פון זייא צעהן. אונ האט גיזאגט זייא זאלין זיין מעשר. אונ ער האט ניט גיצייילט פון איינס ביז צעהן. אונ נאך אמאהל פון איינס ביז צעהן. ביז דיא גאנצע הונדערט (עשרה ונטל אחד) אדער ער האט גיהאט צעהן בהמות. האט ער פון זייא גינומען איינע. אונ האט גיזאגט דיא איינע זאל זיין מעשר. אונ ער האט ניט גיצייילט פון איינע ביז צעהן (אין זה מעשר) דאס איז ניט קיין מעשר. רבי יוסי ברבי יהודה זאגט (הרי זה מעשר) דאס איז יא מעשר (קפץ אחד מן המנויין לתוכן) אויב עס זענען ארויס גיגאנגען פון דיא שטאל צעהן בהמות. איז דער צעהנטער גיווארין מעשר. אונ ער האט אים צוא גינומען. אונ איינער פון דיא נײן איז צוריק אריין גישפרונגען אין שטאל. אונ ער איז צו מישט גיווארין מיט דיא איבריגע בהמות. אונ מען דער קענט אים ניט (הרי אלו פטורים) זענען אלע בהמות וואס אין שטאל פטור פון צו מעשרין זייא (מן המעושרים לתוכן) אויב איין בהמה פון דיא בהמות וואס זענען גיווארין מעשר. איז אריין גישפרונגען צוריק אין שטאל צווישען דיא אנדערע בהמות. אונ מען דער קענט איר ניט (כולן ירעו עד שיסתאבו) זאל מען אלע בהמות וואס אין שטאל פיטערין ביז זייא וועלין בעקומען אפעלער (ויאכלו במומן לבעלים) אונ אז זייא וועלין בעקומען אפעלער וועט זייא דער בעל הבית מעגין עסין: ח (יצאו שנים כאחד) אויב באלד אין אנהייב ציילין זענען ארויס

איתן שנים שנים. מנאן אחד. תשיעי ועשירי מקולקלי׳. יצאו תשיעי ועשירי כאחת. תשיעי ועשירי מקולקלין. קרא לתשיעי עשירי. ולעשירי תשיעי. ולאחר עשר עשירי. שלשתן מקודשין. התשיעי נאכל במומו. והעשירי מעשר ואחד עשר קרב שלמים. ועושה

אחד תשיעי ועשירי מקולקלין. יצאו שנים כאחד זה אצל זה ברוחב הפתח ומנה אותן אג אחת מונה כלן שנים שנים זוג זוג והזוג העשירי קדוש בקדושת מעשר. וה״ה אם מנאן שלשה או ארבעה: מנאן אחד. לשנים הראשוני׳ שיצאו מנה אחד. ולשלישי ב׳ ולרביעי ג׳: תשיעי ועשירי מקילקלים. לפי שהתשיעי בחשבונו הוא עשירי באמת והעשירי בחשבונו הוא י״א. ומש״ה הוו מקולקלים וידעו עד שיטעה ולא דמו לקרא לעשירי תשיעי ולאחד עשר עשירי דעשירי מעשר. וי״א קרב שלמים דהתם נפק אחד אחד וכי מטי עשירי וקרייה תשיעי ולאחד עשר קרא עשירי. מבריר לה ע

שהתשיעי לחשבונו הוא עשירי לבהמות והעשירי אחד עשר והיינו הוא דשינה וטעה הלכך העשירי מעשר גמור והאחד עשר קרב שלמים מגזירת מלך כדמפרש לקמן אבל הכא דיצאו שנים בתחלה ביחד ולא מבריר עשירי שם א׳ קרא תשיעי דלהוי עשירי לאו מעשר גמור הוא מאליו וכדאמר איהו נמי לא הוי הלכך מקולקלים: שלשתן מקודשים. דכ׳ (ויקרא כז) וכל מעשר בקר לרבות תשיעי ואחד עשר יכול שאני מרבה אף שמיני ושביעי אמרת הואיל והוא קדוש וטעותו מקודשת. מה הוא אינו קדוש אלא בסמוך לו כלומר העשירי עצמו הסמוך אצל גופו אף טעותו אינה מקודשת אלא

---

גיגאנגען צוויא בהמות איינער נעבן אנדערן מיט איין מאהל אין דיא ברייט פון טיר (ומונה אותן שנים שנים) זאל ער זעהן אז דיא בהמות זאלין ווייטער דורך גיין צו צוויא מיט איין מאהל. אונ ער זאל ציילין איין פאר צוויא פאר ביז צעהן פאר אונ דיא צעהנטע פאר זאלין זיין היילג מיט איין מאהל (מנאן אחד) אויב ער האט דיא ערשטע צוויא גיציילט פאר איינס. אונ דעם דריטען האט ער גיציילט פאר צוויא. אונ דעם פערטין האט ער גיציילט פאר דרייא. אונ אזוי ווייטער ביז ער האט גיציילט דעם צעהנטין פאר ניין אונ דעם עלפטין פאר צעהן (תשיעי ועשירי מקולקלים) דער ניינטער אונ דער צעהנטער זענען קאליע. ווארום דער וואס איז אין אמת דער צעהנטער קען ניט זיין מעשר. ווייל ער רופט אים דער ניינטער. אונ דער וואס ער רופט אים דער צעהנטער קען ניט זיין קיין מעשר. ווייל ער איז אין אמת דער עלפטער (יצאו תשיעי ועשירי כאחת) אויב דער ניינטער אונ דער צעהנטער זענען ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל (תשיעי ועשירי מקולקלין) איז דער ניינטער אונ דער צעהנטער קאליע. ווארום עס קען זיין אז איינער איז עפעס פריער ארויס גיגאנגען. נאר מען דו׳ קענט אים ניט. ווייס מען דאך ניט וועלכער איז דער ניינטער אונ וועלכער איז דער צעהנטער (קרא לתשיעי עשירי) אויב ער האט גירופין דעם ניינטען. דער צעהנטער. ווייל ער האט גימיינט אז דאס איז דער צעהנטער (ולעשירי תשיעי) אונ דעם צעהנטען האט ער גירופין דער ניינטער. ווייל ער האט גימיינט אז דאס איז דער ניינטער (ולאחד עשר עשירי) אונ דעם עלפטין האט ער גירופין דר צעהנטר. ווייל ער האט גימיינט אז דאס איז דר צעהנטר (שלשתן מקודשין) זענען אלע דריי היילג (התשיעי נאכל במומו) דעם ניינטין דארף מען ווארטין ביז ער וועט בעקומען א פעלער. וועט אים דער בעל הבית מוזן עסין (והעשירי מעשר) אונ דער צעהנטער איז מעשר (ואחד עשר קרב שלמים) אונ דעם עלפטין איז מען מקריב שלמים (ועושה תמורה) אונ אויב מען טאהשט דעם עלפטין אויף איין אנדער בהמה זענען ביידע

תמורה. דברי ר״מ. א״ר יהודה וכי יש תמורה עושה תמורה. אמרו משום רבי מאיר אלו היה תמורה לא היה קרב. קרא לתשיעי עשירי. ולעשירי עשירי, ולאחד עשר עשירי. אין אחד עשר מקודש. זה הכלל כל שלא נעקר שם עשירי ממנו. אין אחד עשר מקודש:

כליק מסכת בכורות

בסמוך לעשירי דהיינו תשיעי מלפניו ואחד עשר מאחריו: וכי יש תמורה עושה תמורה. סבר ר״י דהאי י״א הוי תמורה דהאי דקרייה עשירי כמאן דאמר הרי זה תחת העשירי דמי ואין תמורה עושה תמורה דכתיב (שם) והיה הוא ותמורתו יהיה קדש ולא תמורת תמורתו: אמרו משום ר״מ. אינה תמורה. אין האחד עשר תמורת העשירי שאם היה תמורה לא היה קרב דתמורת מעשר אינה קריבה דכתיב (במדבר יח) לא תפדה קדש הם הם קריבין ולא תמורתן ובבכור כתיב וילפינן מעשר מיניה והלכה שאין האחד עשר עושה תמורה: כל שלא נעקר שם עשירי ממנו. דכל היכא דקרא לעשירי עשירי הו לא מקדש אחד עשר במאי דקרי ליה עשירי:

סליק מסכת בכורות

# מסכת ערכין

**הכל** מעריכין. הכל לאתויי בן י״ג שנה ויום אחד ולא הביא שתי שערות שהוא

**הכל** מעריכין . ונערכין . נודרים

שלמים (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (וכי יש תמורה עושה תמורה) צו קען דען אז טאהשטע בהמה הייליג מאכן איין אנדער בהמה. רבי יהודה האלט אז דער עלפטער איז גיטאהשט אויף דעם צעהנטין אבער ער איין פון זיך איז ניט הייליג דער נאך אז מען טאהשט דעם עלפטין אויף איי אנדער בהמה דארף דיא בהמה ניט זיין הייליג (אמרו משום רבי מאיר) מען האט גיזאגט פון רבי מאירס וועגין (אילו היה תמורה לא היה קרב) ווען דער עלפטער וואלט אליין ניט גיוועזן הייליג. נאר וויל ער איז גיטאהשט אויף דעם צעהנטין. וואלט מען אים גאר ניט גימעגט מקריב זיין. וואהם אז מען טאהשט מעשר אויף איין אנדער בהמה. ווערט ניט הייליג דיא בהמה. נאר דער עלפטער איז הייליג פון זיך אליין. דריבער אז מען טאהשט אים אויף איין אנדער בהמה ווערט דיא בהמה הייליג (קרא לתשיעי עשירי) אויב ער האט גירופין דעם ניינטין. דער צעהנטער (ולעשירי עשירי) אונ דעם צעהנטין האט ער גירופין דער צעהנטער (ולאחד עשר עשירי) אונ דעם עלפטין האט ער גירופין דער צעהנטער (אין אחד עשר מקודש) איז דער עלפטער ניט הייליג (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שלא נעקר שם עשירי ממנו) אויב פון דעם צעהנטין איז ניט אוועק גינומען גיווארין דער נאמען צעהנטער. אויב מען האט גירופין דעם צעהנטין צעהנטער (אין אחד עשר מקודש) ווערט שוין דער עלפטער ניט הייליג אפילו מען רופט אים אויך צעהנטער:

פרק א (הכל מעריכין ונערכין) אויב איינער זאגט וויא פיל מיין נפש איז גישאצט זאל איך געבין צו גאט. אדער ער זאגט אויף איין אנדער מענטש וויא פיל דער נפש פון דעם מענטש איז גישאצט זאל איך געבין צו גאט. האט דיא תורה אין דיא סדרה בחקותי גישאצט אלע מענטשין נאך זייערע יאהרין. וויא אלט זייא זענען באזוי